פארגרעסערטע
סוכות אויסגאבע

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ד'
נומער קמ"ה
יו"ט סוכות
תשפ"ג

# סוכות תשפ"ג



סיפור התקרבות פון הרב
ר' שלמה מאיער שליט"א



היסטאריע פון קרית
ברסלב חלק ב'



אינטערוויו מיט ר' אברהם
דוד לאקס נ"י

קרית ברסלב בלעטל ווינטשט פאר אלע חשובע ליינער א פרייליכן סוכות

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייגצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

צו באקומען די וועכנטליכע גליונות און חיזוק יומי אויף אימעיל שיקט א מעסעדזש צו chizikyomi@rabbiroth.org

WWW.BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

יום טוב סוכות ט״ו תשרי תשפ״ג

הדלקת הנרות......... 06:09
מוצאי ערשטע טעג. 07:36
הדלקנ״ג ע״ש חוה״מ.. 06:00
מוצאי שבת ............ 07:29
הדלקנ״ג צווייטע טעג. 05:57
מוצאי יו״ט ............. 07:25


א בריוו
אומאן ראש השנה תשפ״ג
3



גאסט ארטיקל
א מחי׳ה וויליאמסבורג
5



היכל הקודש נייעס
באריכט פון ראש השנה אין אומאן
19



אינטערוויו
א שמועס מיט הרב ר׳ שלמה מאיער שליט״א
22



קרית ברסלב
היסטאריע פון קרית ברסלב חלק ב׳
34



אינטערוויו
א שמועס מיט ר׳ אברהם דוד לאקס הי״ו
54




## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל

**מו״ה יוסף מערמעלשטיין הי״ו**
**וזוגתו רבקה תחי׳**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## השבת אבידה!

**געטראפן א נייע ווייסע יארמולקע אין אומאן היכל הקודש בנין, אויב איז דאס דיינס ביטע זיך פארבינדן מיט**

**שמעון עוזר פערל הי״ו**

**972527160704**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 07 | 62°/36° | Partly Cloudy |
| Sat 08 | 48°/32° | Partly Cloudy |
| Sun 09 | 53°/33° | Mostly Sunny |
| Mon 10 | 55°/36° | Partly Cloudy |
| Tue 11 | 58°/38° | Mostly Sunny |
| Wed 12 | 59°/40° | Mostly Sunny |
| Thu 13 | 57°/37° | Partly Cloudy |
| Fri 14 | 53°/33° | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל״ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר״ן רכ״א



# בריוו צו די רעדאקציע

**אומאן תשפ"ג**

לכבוד די הערליכע קרית ברסלב בלעטל.

די ערשטע זאך האב איך געוואלט שרייבן א מעשה פון תפילה, איך פארשטיי אז אלע וועלן שרייבן די מעשה אבער איך קען זיך נישט איינהאלטן פון שרייבן "שכוח אייבערשטער!

נאך לאנגע חדשים פון פילע תפילות און התבודדות יעדן טאג, האב איך ברוך השם זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון ראש השנה, מ'האט געזען דער אייבערשטער אין יעדן פרט פון די נסיעה, איך וועל שרייבן אפאר מעשיות פון תפילה וואס איך האב געהאט.,

אין לופטפעלד האט מען מיר אפגעשטעלט, ווייל ביין מיין בילד פונעם פאספארט האב איך נישט קיין בארד און היינט שכוח אייבערשטער האט מיר שוין געוואקסן א שטיקל בארד, זיי האבן נישט געגלייבט אז ס'איז די זעלבע מענטש, אבער ברוך השם נאך א קליין תפילה האבן זיי מיר גלייך אריבער געלאזט.

דערנאך אין אונגארן האט די באס וואס האט אונז געדארפט פירן צו אומאן - נישט אנגעקומען, נאר נאכן בעטן דעם אייבערשטן איז די באס אנגעקומען בשעה טובה.

דערנאך האבן מיר געדארפט נעמען א באן אריבערגיין צו אוקראינא און פון דארטן די באן צו וויניצא, למעשה די באן פון אונגארן צו אוקראינא האט זיך פארשלעפט, און על פי דרך הטבע האבן מיר נישט געקענט אניאגן די באן קיין וויניצא, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען כאפן דעם באן, און שכח אייבערשטער מיר זענען אנגעקומען 5 מינוט פאר די באן איז ארויס געפארן.

אזוי ווייטער האט מען אויף יעדע פרט געבעטן דעם אייבערשטן, למשל אין אומאן ביים היכל הקודש בנין איז נישט געווען גענוג וואסער האט מען געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל יא זיין וואסער, אדער א גוטע פלאץ צו זיצן ביי די תפילות און ביי די סעודות.

ביים וועג צוריק קיין ארץ ישראל האבן מענטשן געווארט לאנגע שעות זיבן אכט



שעה, און אנדערע אפילו פיר און צוואנציג שעה און דורכדעם פארפאסט די פליגער, און איך מיט תפילות האב איך געווארט ממש א קורצע צייט און ברוך השם אנגעקומען אין לופטפעלד דריי שעה פאר די פליגער האט זיך געהויבן, שכוח אייבערשטער.

איך האב געוואלט שרייבן אפאר נקודות וואס איך האב געזען אין אומאן ביים ראש ישיבה און ביי די תלמידים.

1. אויפן וועג פון ציון צום בילדינג די צווייטע טאג ראש השנה האט דער ראש ישיבה געשמועסט וועגן הפצה, דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינעם אויב ער גייט מאכן הפצה די קומענדיגע יאר תשפ"ג, האט ער געזאגט 'מיטן אייבערשטענ'ס הילף', האט דער ראש ישיבה געזאגט 'מיטן אייבערשטענס הילף וועסטו עסן תשפ"ג, מיטן אייבערשטענ'ס הילף וועסטו שלאפן תשפ"ג, אבער הפצה וועסטו זיכער גיין'.

ס'איז דא מענטשן וואס מען רעדט פון הפצה זאגן זיי אז זיי וועלן זיך משתדל זיין, אבער עסן און שלאפן איז פשוט אז מ'דארף, אבער דער אמת איז אז ס'איז פונקט פארקערט, מ'וועט זיך משתדל זיין אלע אנדערע זאכן, אבער הפצה וועט מען בוודאי גיין.

2. די קינדער זענען געווען ביים ציון פרייטאג און געזאגט מיט די מלמדים תיקון הכללי, די מלמדים האבן געטיילט קארטלעך פאר ווער ס'זאגט שיין, האב איך געזען איינער פון די מלמדים האט געזאגט פאר א צווייטן מלמד אז די געבסט שוין א קארטל געב עס מיט א גוט ווארט דער קינד זאל זיך שפירן גוט, איך האב געזען ווי מ'נעמט אריין די גאנצע כח צו מחנך זיין די קינדער מיט א געשמאק.

3. דער רבי האט געזאגט "**העולם ראוי שיתמהו על האהבה שבינינו**" די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די אהבה וואס ס'איז דא צווישן אייך, וויל איך זאגן אז איך בין זיכער אז ס'איז געזאגט געווארן אויף תלמידי היכל הקודש, מ'זעהט אז יעדער איינער קומט צום צווייטן און נעמט אויף אזוי שיין "שלום עליכם איך הייס... פון... וויאזוי הייסטו?" ס'איז געווען א גרויסע קידוש השם ווייל איך האב געהאט א חבר נישט א תלמיד פון דער ראש ישיבה וואס איז געקומען מיר זוכן אין בילדינג דאנארשטאג פאר ראש השנה ווען די אמעריקאנער עולם איז אנגעקומען, און ווי נאר ער איז אנגעקומען זענען אלע געקומען צו אים געבן שלום עליכם, ער איז ממש ארויס פון התפעלות און מיר עס אפאר מאל געזאגט.

הצלחה מיט אייער הייליגע ארבעט

יענקי גוטמן בית שמש



משה ארי׳ שניטצלער

# א מחי׳ וויליאמסבורג

## גאסט ארטיקל

מיין טייערער לעכטיגער חבר ר׳ אברהם הערש זאגט מיר אזוי: משה ארי׳ טייערער, צו דו וועסט יא אדער נישט אריין געבן אן ארטיקל פאר די סוכות נומער, דאס איז דיין זאך, אבער איך מוז האבן דעם בלעטל גרייט פאר מאנטאג, אז נישט איז נישט מעגליך אנצויאגן.

נו וואס טוט מען? וואס שרייבט מען? פונקט היינט נאך די מקוה איז מיר אריינגעקומען אין געדאנק א ווארט "א מחי׳ וויליאמסבורג". וואס הייסט א מחי׳ וויליאמסבורג? וועל איך אייך זאגן...

נעכטן זונטאג זעמיר ברוך השם צוריק קיין וויליאמסבורג פון ניין וואכן אין די בערג.....

איר האט ליב צו רעדן פון קאנטראסט? איז, הערט!

אין קאנטרי האב איך יעדן טאג באקומען א זיידענעם גלעט פון די נאטור זעלבסט. יעדן אינדערפרי, אין די ערשטע פינף מינוט פון מיין נשמה-צוריק-קערונג פון אונזער גרויסן גאט, אזוי ווי איך שפרייז צום טיר פון מיין באנגעלאו אין מחנה אילן החיים ברסלב, איך געב נאר דעם ערשטן בליק ארויס פון די קליינע צוועלף אינטשיגע גלאז פון די גרויסע דיקע אלטע געלע טיר, זע איך שוין ווי די הויכע פינף שטאקיגע מיט-בלעטער-באדעקטע פון-טוי-פייכטעביימער שאקלען זיך רעכטס און לינקס פון א קריספי ווינטעלע. עס איז ביי מיר קלאר וואס די ביימער זאגן. זיי זאגן "הייליגער גרויסער זיסער לעכטיגער באשעפער! א דאנק פאר׳ן באשאפן אזא זיסע געשמאקע יאממי צוקערדיגע וועלט"!

יא! אזוי האט מיך די גרינע וועלט מקבל פנים געווען יעדן אינדערפרי פאר ניין וואכן!

יעדן טאג עקסטער האב איך זיך נישט געקענט געגונג באצויבערן פון די פאר׳שיכור׳נדע מחזה פון די זיסע נאטור וואס דער הייליגער באשעפער האט אנגעגרייט ארום מיין באנגאלא אז א קליין מענטשעלע ווי איך זאל קענען הנאה האבן. שכח אייבערשטער!

איך שפרייז מיר אזוי צו מיין קאר אין פארקינג לאט. מיין שיך באקומט א טעיסטינג פון די זיסע טוי וואס האלט די וועלט ביים לעבן. אינמיטן גיין קען מען זיך נישט צוריק האלטן פון שמועסן אביסל מיט׳ן בורא עולם, וואס טראָגט אלע הייליגע מלאכים וואס ער האט אין הימל גלוסט ער צו הערן וואס איך מענטשעלע האב צו פארציילן. זאג איך צום אייבערשטן "שכח אייבערשטער אז דו ביסט דא לעבן מיר און דו וואטשסט אויף מיר איך זאל האבן אלעס וואס איך דארף".

אזוי ביים ווינקל פון די פארקינג לאט, געב איך א באמערק דעם גרויסן מיסט קאסטן, וואס איז כמעט די זעלבע סייז ווי מיין באנגעלא. אוי. איך געב זיך א דערמאן, פארוואס האב איך נישט געקוקט אינדערהיים אויב מ׳דארף ארויסנעמען די גארביטש, נו, וואס טו איך יעצט? שוין, איך בין דאך פארנומען, אפשר זאל עס מיין ווייב נעמען.

נאכדעם געב איך א טראכט, פארוואס פאלט דיר נישט ביי אז זי איז אויך פארנומען?!



גלייך טראכט איך צוריק, אבער איך בין "טאקע" פארנומען! (אבער אפשר איז זי אויך "טאקע" פארנומען?)

למעשה האב איך נישט געזען א וועג ארויס פון די "גארביטש-סומאטאכע" ביז איך איך האב אפגעמאכט אז די פארמעסט פון ווער ס'איז מער פארנומען איז נישט פאר יעצט, (ווייל יעצט בין איך פארנומען......) אבער איך גיי פשוט כאפן א שפאציר ווייל דער ראש ישיבה זאגט "אז דו ביסט שוין יא דא אין פעלד מיט די גראז אוןביימער פארוואס זאלסטו נישט אביסל שפאצירן מיטן אייבערשטן און רעדן צו אים", האב איך גלייך געכאפט א שפאציר צו מיין באנגעלא און צוריק (יא, אויפן וועג צוריק האב איך געהאט אין די האנט עפעס א גרויסע פלאסטישע זעקעלע וואס די אינהאלט איז געווען נישט פון די בעסטע סחורה...) און אזוי שפאצירנדיג זאג איך "שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר געגעבן א ראש ישיבה וואס דערמאנט מיך יעדן טאג אז מ'דארף געדענקען אז מיין ווייב טוט אזוי סאך פאר מיר און אז קיינער קומט מיר גארנישט".

אזוי האב מיר געהאט פאר ניין וואכן, גראז און הימל, ביימער און תהלים, משניות און חומש, שמועסן מיט די קינדער און דערציילן מעשיות פון צדיקים. (זארגט נישט, כ'האב געמאכט געלט אויך, און געגעסן קאקאש קעיק אויך, און געפלאטשקעט אין שווים באסיין אויך, סי'דא אסאאאאאך צייט ביין'אונז אין די קעטסקילס).

יעצט זע מיר זיך אויף יענע זייט האדסאן, און טאקע דא אויף די היימישע מוירטל שטראססע, הארט לעבן די בעדפארד עווועניו פייער סטאנציע וואס שיקן ארויס יעדע עטליכע מינוט זייער קולות-מאשין וואס מאכט איינעם טראכטן אז די שרעקליכע אלארם וואס די קולות-טאנק געט ארויס איז אמעריקע'ס נייע וואפן וואס וועט שטעלן אין שאטן די כוחות פון איינשטיין'ס אטאם-באמבע.

איך קוק מיר ארויס פון מיין פענסטער און איך זע די קארס אויף בעדפארד עווועניו יאגן זיך קיין מאנהעטן, די סיטי-באסעס אויף מוירטל עוועניו בלאקירן די טראפיק, די בייקערס נעמען זיך אן פאר'ן בייק-לעין ווי אויף א הייליגטום, היימלאזע מענטשן נעמען צאם ביר באטלעך צו קענען קויפן ברויט (ביי יעדן מיינט ברויט עפעס אנדערש, דער יעניגער פון וואס דער מדובר איז יעצט, ביי אים איז ברויט עפעס א גערינאכץ אין א פלעשעלע מיט'ן אויפשריפט "באַדווייזער") דער דורכפארנדער פייער לעשער וואס איז אויפ'ן וועג צוריק פון א פאָלס אלארם רעגט זיך כאילו איינער שטערט אים פון אויסלעשן א פייער וואס האלט אינמיטן דערשטיקן צען מיליאן מענטשן.

בקיצור, אויב מ'וויל בלאזן אויפ'ן טויש פון קאנטרי צו ברוקלין, קען מען טרעפן וואס צו בלאזן. די ווייסע סיידוואק איז הייס ווי קוילן, די גרעי'ע הימל זעט עפעס אויס ווי ס'קומט א מעגע רעגן. די ביימער דא ווערן שוין ווייניגער גרין און מער ארמי-ברוין. די בעזעם טראק מאכט זיכער אז די ברוקלינער שטויב קומט אן ביז קאנארסי. די בעק פון די סיטי באס געט ארויס עפעס א סארטווארעמע לופט וואס מ'וואלט געקענט נוצן פאר צום-טויט-פאראורטיילטע. די גארביטש טראק דרייווער מאכט זיכער אז איינס פון יעדע פיר זעקלעך זאלן אראפ פאלן אינמיטן די גאס אז די דורכגייענדע הונטלעך זאלן האבן א טעיסטינג פון די פאריגע וואכעדיגע מיטוואך'דיגע נאכטמאל.

אבער למעשה פיל איך עפעס אזוי ווי "א מחי' וויליאמסבורג"!

פארוואס? ווייל איך האב מיטגעברענגט פון קאנטרי מיין חומש, מיין משניות, מיין תהלים, מיין גמרא, מיין עצתו אמונה.

אז איך וועל אויפמאכן דאס חומש'ל וועט מיר זיין גוט סיי אין קאנטרי סיי אין וויליאמסבורג, אז איך וועל אויפמאכן די הייליגע משניות וועל איך אייביג פילן ווי איך בין ממש אויף מיין פלאץ און דא איז עפעס ממש מורא'דיג מעכטיג צו זיין.

מוהרא"ש פלעגט צו חזר'ן וואס חז"ל זאגן אויף שמואל הנביא, ס'שטייט אין פסוק "כי שם ביתו" זאגן חז"ל בכל מקום שהלך ביתו עמו, פלעגט עס מוהרא"ש אזוי שיין מסביר זיין אז א מענטש וואס רעדט צום אייבערשטן איז נישטא אזא זאך יא אינדערהיים נישט אינדערהיים, יא מענטשן נישט מענטשן, אסאך מענטשן ווייניג מענטשן, קאנטרי שמאנטרי, וויליאמסבורג, מעקסיקאו, דובאי, קאסאבלאנקא, קענטאקי, קאפענהאגן, קעזמארק, פליישמארק, פארעוועמארק, ס'איז אלעס איינס און די זעלבע.

ווער געדענקט נישט די הערליכע טייטש פון מוהרא"ש אויפ'ן מאמר חז"ל "שם תהא קבורתכם". חז"ל זאגן דאך אז דער אייבערשטער האט אויפגעהויבן דעם בארג סיני העכער די קעפ פון די אידן און געזאגט "אויב עטס זענטס מקבל די תורה איז גוט, אויב נישט וועט זיין "שם תהא קבורתכם".

פלעגט מוהרא"ש פרעגן די קושיא, פארוואס זאגט ער נישט "פה" תהא קבורתכם, "דא" וועט זיין ענקער קבורה? פארוואס "דארט"?

זאגט מוהרא"ש אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די אידן אזוי, אויב עטס וועטס מקבל זיין די תורה איז גוט, אויב נישט וועסטו האבן א "קבורה" וואס הייסט "דארט"! אייביג וועסטו טראכטן אז אויב איך וואלט יעצט געווען אויף א אנדערע פלאץ וואלט איך געווען פרייליך, דא קען איך נישט יעצט זיין פרייליך, אזוי ווי מ'זעט אסאך מאל פורים מענטשן לויפן ארום צו טרעפן "די מצב", וואו איז די מצב? (ס'איז נישט נאר פורים, נאר פורים איז עס גרינגער צו זען)

מענטשן טוען אלץ און אלעס צו אנקומען צו די "מצב" וואס איז פרייליך, צו די "צייט" וואס איז פרייליך, צו די "פלאץ" וואס איז פרייליך, צו די "מענטש" וואס איז פרייליך, אבער די פרייליך פון אונזער הייליגער שמואל הנביא איז "יעצט" און "דא".

מוהרא"ש פלעגט דאך אזוי זיס רעדן פון דעם ביים לערנען תורה כ"ד אין ליקוטי מוהר"ן. דער רבי רעדט פון די גמרא אין בכורות וואו דער קיסר פון רוים האט געשמועסט מיט ר' יהושע בן חנני' און געפרעגט שאלות צו הערן זיין קלוגשאפט, האט דער קיסר געפרעגט, וואו איז די מיטן פון די וועלט?

האט דער הייליגער ר' יהושע בן חנני' געענטפערט "דא"! פרעגט דער קיסר ווי אזוי ווייסטו? זאגט דער הייליגער תנא "ברענג שטריק און מעסט עס אויס"!

פלעגט מוהרא"ש זאגן, וואו איז די בעסטע פלאץ אין די וועלט? דא? און ווי אזוי קען איך קומען צו די מדריגה אז איך זאל פילן אז דא איז מיר גוט? דורך שמחה! אז איך וועל זיין פרייליך, וועט מיר זיין איבעראל גוט, און אז איך וועל נישט זיין פרייליך, וועל איך נישט ווערן פרייליך אפילו אין בויבעריק אליין. (געב א קוק דארט אין תורה כ"ד, וועסטו זען ווי אזוי דער חכימא דיהודאי מוהרא"ש זי"ע פלעגט לערנען די טיפסטע קבלה'שע ענינים מיט א וועג פון לעובדא ולמעשה, וואס זאל איך טון "יעצט")

און אז דער אייבערשטער העלפט און מ'האט די זכי' צו פאלגן א צדיק און זאגן א פרק משניות איז גרינגער צו טראכטן אז "דא איז גוט".

יעצט אז איך האב שוין יא מיטגעברענגט די משניות פון קאנטרי, קען מען שוין גוט זינגען דעם ניגון "א מחי' וויליאמסבורג" "א מחי' מוירטל עוועניו, א מחי' בעדפארד, א מחי' פייער לעשער, א מחי' גארביטש טראק, א מחי' בעזעם טראק, א מחי' טרעפיק, א מחי' בייק לעין".



# צום פינטל.

# מלחמה פארלוירן? אבער די שלאכט געזיגט!

**ס'רעגענט?**

פארוואס טראכסטו אז ס'רעגענט?

**איך ווייס נישט, קען זיין אז די שלאק איז צוגעמאכט.**

נו קענסט גיין קוקן.

**פלאנסט דען צו מאכן א סעודה דא?**

פארוואס דען נישט, אויב דו וועסט לאזן... נע! האב נישט מורא, איך בין געקומען סתם אביסל פארברענגען.

**אקעי! וועלן מיר זען שפעטער, איך בין אביסל פארנומען יעצט.**

וואס גייט פאר? זעסט אויס ווי דו ביסט נישט דאהי געהעריג...

**איך ווייס...**

**איך האלט אימיטן אויסהערן א שיעור פונעם ראש ישיבה, איך דארף נאך ענדיגן ח"י פרקים, איך בין נאך אויסגעמוטשעט פון אומאן... איך האלט אינמיטן שרייבן צום פינטל... בקיצור מיין קאפ איז מיר נישט דא.**

דו שרייבסט דען צום פינטל...?

**עס זעט דיר אויס ווי איך שרייב... עס איז דאך חול המועד... איך שרייב אין מיין קאפ, זיי זאגן אז אויף סוכות מוז קומען עפעס א גוטס, אין אומאן האט מיר איינער געזאגט איך האף אז עס קומט תהא שנת פ'ינטלעך ג'דולות... אבער איך ווייס נישט צו איך גיי אנקומען דערצו.**

וועלכע שיעור הערסטו אויס?

**סתם איך האב אויפגעמישט א שיעור.**

נו קענען מיר דאך עס צוזאמען הערן.

**אין הכי נמי, עס האלט שוין ביים סוף, ס'איז די שיעור פון נחמן נתן'ס סיום הש"ס, מען האלט שוין נאכן שיעור מען זינגט.**

נו מאך אויף ספיקער.

***

**...... דידן דידן נצח, דידן דידן נצח, דידן דידן נצח... אנחנו מאמינים, מאמינים בני מאמינים... דידן נצח אוי אהוי אנחנו מאמינים... דידן דידן נצח, דידן ... דידן דידן נצח, דידן דידן נצח, דידן דידן נצח... אנחנו מאמינים, מאמינים בני מאמינים... נאכאמאל... דידן דידן נצח אוי אהוי אנחנו מאמינים...**

***

אה איך געדענק די שיעור, עס איז געווען סוף זומער, די

סיום הש"ס, עס איז נאך די שיעור, מרדכי לייב זינגט, וואסערע ניגון איז עס? סאיז א חב"דסקע ניגון?

**ניין! חב"ד האט א אנדערע ניגון אויף דידן נצח, איך מיין אז ס'איז בערי וועבער'ס ניגון.**

וואס איז די מעשה מיטן צום פינטל? די פלאנסט נאך צו מאכן? וועגן וואסערע ענין טראכסטו צו שרייבן?

**איך ווייס אליינס נישט, איך האב אנגעהויבן שרייבן אויפן וועג אהיים פון אומאן קיין ריישא אין די האטעל, אבער ס'איז עפעס נישט... איך האב געשריבן אביסל וועגן סוכות, עס איז צומישט, איך ווייס נישט.**

אין ריישא? צום גדליה? נו וואס קען שוין זיין שלעכט די שרייבסט דאך אלעמאל גוט...

**קען טאקע זיין...**

וויסטו וואס... אפשר קען איך דיר ארויסהעלפן, איבער וועלכע ענינים האסטו געוואלט שרייבן?

**איך האב געהאט אסאך געדאנקען, מיין מח האט מיר געספינט ווי א וואש מאשין... איך האב געוואלט קאווערן אביסל די נסיעה, איך האב געוואלט קאווערן אביסל די מלחמה... די נישט מלחמה, וואטעווער... איך האב געוואלט אריינפלעכטן לכבוד סוכות די געדאנק ווארט פון ר' נתן וועגן די מלחמה, מיט די ד' מינים, איך האב געטראכט געדאנקען ווי אזוי עס צאמפלעכטן אבער עס איז א שווערע ארבעט נאכן נישט שלאפן און זיין פארדרייט די סדר פון די נסיעה, אבער עפעס האב איך אנגעהויבן.**

וועלכע ווארט פון ר' נתן וועגן מלחמה מיט די ד' מינים?

**אה ר' נתן זאגט, עס שטייט אין זוהר אז נאך די ימים טובים ווייסט מען נישט ווער עס האט געווינען.**

וואס הייסט מ'ווייסט נישט ווער עס האט געווינען, דו ביסט זייער נישט קלאר!

**לאז אויסרעדן... די זוהר זאגט עס איז געווען ראש השנה, עס איז געווען יום כיפור, וואס דעמאלטס איז די צייט פונעם משפט, עס איז געווען א מלחמה צווישן די אידן און די שטן, יא? ביז אהער פארשטייסטו?**

אקעי! מאך נישט משוגע, רעד קלאר איך פארשטיי יעדעס ווארט...!

**יעצט נאך ראש השנה יום כיפור ווייסט מען נישט ווער עס איז ארויס זכאי בדין, צו האבן די אידן געזיגט מען האט זיי אנגעשריבן א גוט יאר אדער חס ושלום דער שטן האט געזיגט.**

נו נו, זייער שטארק, וואס זאגט דער זוהר.

**זאגט דער הייליגער זוהר אז מען זעט סוכות, די יודן גייען מיט די געווער, דער זוהר רופט אן די לולב און אתרוג די מאנא דקרבא עס איז ארמ'ישע ווארט אויף געווער, מען זעט די יודן גייען מיט די געווער אין די האנט ווייסט מען אז זיי האבן מנצח געווען.**

אהאה! פאר דעם האסטו געהערט די ניגון פון דידן נצח...? האסט אויף עפעס א וועג עס געוואלט אריינפלעכטן אין די גאנצע זאך, איך קען דאך שוין דיין וועג פון שרייבן...

**למאי נפקא מינא, פארוואס איך האב עס געהערט? און אויב איך וועל דיר זאגן אז יא וועסטו זיין גליקליך...**

אקעי זייער שיין, איך בין נישט צופיל פאר תורה'ס, אבער אויב קוקסטו סתם ווי אזוי א מלחמה גייט צו, איז עס פונקט פארקערט... איך מיין עס אמת'דיג איך זיך נישט אפצופרעגן דיין תורה...

**עס איז נישט מיין תורה, עס איז א זוהר... אדרבה לאמיר הערן דיין הערה אויפן זוהר.**

די געדענקסט עפעס מלחמות? וועלכע מלחמות געדענקסטו?

**איך געדענק נישט קיין איין מלחמה, איך ווייס... אפשר די מלחמה מיט**

**איראק נאך סעפטעמבער עלעווען תשס"ב, גראדע געדענק איך גוט די ערשטע מלחמה פון אמעריקע קעגן איראק תש"נ... די מלחמה פון רוסלאנד מיט אוקריינא.**

איז געדענקסטו יא אפאר מלחמות אין דיין לעבן, גראדע איך האב אזוי געלאכט, איך בין געווען אין אומאן דער עולם איז געזיצן מ'האט זיך אויסגעלופטערט פארענט פון די בילדונג, ס'איז געווען א געשמאקע וועטער, איינער קומט ארויס פון די בנין, ער קוקט ארויס אזוי אויף ארויף, ער מאכט מיט די הענט און די הייעך, אזוי ווי איינער וואס וויל פרעגן: ס'רעגנט נאך... ער דרייט מיט די קאפ אהין אהער, און ער פרעגט ס'דא א מלחמה... די גאנצע עולם האט אויסגעשאסן... איינער געבט זיך א רוף אן: איך ווייס נישט וואס די טייטש פון א מלחמה איז ... אבער אויב איז זיצן אינדרויסן שמועסן און פארברענגען און זיך אונטערהאלטן די דעפעניש"ן פון מלחמה, וואלט איך געראטן אפשר קען מען עס אביסל ברענגען קיין וויליאמסבורג...

יא! אבער די נייעס האקט אין קאפ, די נייעס איז ביזי מיט מלחמה ארויף מלחמה אראפ, מ'קען נישט פארן קיין אומאן ס'איז א סכנה.

**ווער הערט נייעס, ווער לייענט נייעס, ווער איז נייגעריג וואס די נייעס האט צו זאגן, די נייעס איז סך כל א פאפיר מיט א סאך טינט, עס זיצן הונדערטער שרייבער און יעדער האט א פארציע וויפיל אותיות ער מוז ארייקנאקן אנצופילן זיין חלק, און ווער רעדט נאך ווען עס קומט פאר יום טוב, האא! דעמאלט איז גאר אנגעצויגן, יעדער מוז שרייבן דאפלט און טריפלט, און אז עס איז נישט דא קיין נייעס מאכט מען נייעס... יעדער שרייבער ווייסט: די בלעטער מוזן ארויסקומען אויף די וועלט, און דו גיי געב דיך א עצה ווי אזוי עס אנצופילן...**

**לאמיך דיר זאגן, למשל יעצט, האסטו די אליין איבערצייגט אז די צייטונגען מאכן נייעס, אויב זיי קומט אויס גוט דיר צו זאגן אז יעצט רעגענט וועלן זיי מאכן פון דעם א נייעס, און דו ווערסט עס גלייבן, איי עס רעגענט נישט? נו האסט א גוטע קשיא! אבער נייעס בלייבט נייעס.**

**אז פאר זיי קומט גוט אויס אז דו זאלסט האלטן אז יעצט איז נאכט וועלן זיי מאכן א גאנצע מעשה אז איינער האט געמאכט קידוש לבנה... הערסטו...**

**טראמפ האט געקענט האקן פון דא ביז מארגן אז די נייעס איז פעיק ניוז, און יעדער האט געוויסט אז עס איז פעיק ניוז, אבער דער עולם הונגערט דערפאר, דער עולם בעט זיך, פיטער אונז מיט ליגענט, דאס איז די גאנצע באבל פון נייעס!**

איך האלט פונקט ווי דיר, די ווייסט אז איך בין א טראמפ פעע"ן... אבער לאמיר רעדן ריאליטי, ווען זאל יעצט אנגיין צו באקן א מעשה אז רוסלאנד האט געשיקט צען איראנער דראוינס קיין אומאן צו הרג'נען די אידן וואס קומען אויף ראש השנה, און די אוקריינער האבן עס אראפגעשאסן?

איך האב געהערט די נייעס מוצאי יום טוב, איך האב אזוינס געלאכט, איך האב געמיינט אז עס איז א דשאויק וואס פארט ארום אויף סאושעל מידיא, אבער אזוי ווי ס'איז געווארן מוצאי אין אמעריקע האב איך באקומען טעלעפאן קאלס הערסטו פון דא ביז מארגן, און די מערסטע פאני איז געווען אז אלע אידישע נייעס אגענטורן האבן עס געדעקט מיט א תמימות, דעיס איז אנבעליוועבל.

**וואס הייסט ווען עס גייט אן, קוק ווער עס האט געבראכן די נייעס ווערסטו זען קלאר, קודם כל אוקריינא וויל אויפרעגן די וועלט קעגן רוסלאנד, עס איז נישט זייער ערשטע ליגענט לעיני השמש וואס זיי האבן אויפגעטראפן, אין דווקא וואס עס אנבאלאנגט**

אידן, ווייל זיי ווייסן אז די אידן האבן א כח איבער די וועלט, און דא איז זיי אריינגעשווימען דער אידל אין זייער נעץ, פארוואס זאלן זיי דאס נישט ניצן, איי ווי קומען אן דראונס פון יענע עק ביז אומאן? איי פארוואס זאל רוסלאנד אטאקירן אידן וואס קומען אויף אוקריינא, וואס ברענגט עס אים? אבער קודם א נייעס, קודם זאל די אידישע וועלט שימפן אויף רוסלאנד.

ווייטער ווער האט עס באשטעטיגט, מדינת ישראל אמבאסאדאר, ער איז דער ערשטער ארויפגעשפרינגען זיך צוגעכאפט צו די נייעס, זייער פשוט קודם כל עס איז דאך דער זעלבער אמבאסאדאר וואס האט געווארנט איבער די געוו-אאא-לדיגע סכנה און אז מען זאל נישט פארן קיין אומאן, נו אז עס קומען זיך צאם דרייסיג פערציג טויזנט אידן פון איבער די וועלט אויף אומאן און זיי זעהען אז עס איז נישט דא גארנישט, אין מדינת ישראל איז מער סכנה פון די אראבער פון אלע געגענטער ארום און ארום מדינת ישראל.

בנוסף לזה וואס די מדינה איז נומער איין שונא פארן קיבוץ אין אומאן, זיי קענען נישט אראפשלינגען אז עס איז דא א פלאץ ווי עס קומען זיך צאם הונדערטער טויזענטער אידן פון איבער די וועלט, עס איז א וועלטליכע ערשיינונג, עס ווערט געדעקט אין די נייעס, און... עס איז נישט אין זייער מדינה, עס פארן ארויס פאר ראש השנה הונדערטער טויזנטער אידן, די עירפארט איז א כאאס, און מען פארט פראוונען ערגעץ, עס איז א שווערע פיל פאר זיי, קומען וואלט זיך געקומען אז ראש השנה זאל זיך טון א געפארעכץ אריין אין ארץ ישראל, פארשטייסט, דאס קרענקט זיי, פאר דעם האבן זיי געוואלט מפנה זיין דעם רבי'ן קיין ארץ ישראל, פאר דעם האבן זיי צושטערט די קיבוץ ביי קאראנא, יעדער איינער האט מסכים געווען אז מען זאל פארן, אמעריקע האט געלאזט פארן, אוקריינא אליין האט גע'חליש'ט אז מען זאל קומען, עס גייט זיי אן קאראנא ווי א נעכטיגע בוידעם, נאר מדינת ישראל זיי האבן געסטראשעט אז זיי גייען נישט צושטעלן קיין הילף פאר אוקריינא אויב זיי לאזן אריין.

און דאס איז אויך די סיבה פארוואס אונזערע אידישיסטישע/ציוניסטישע נייעס אגענטורן טוען עס דעקן, זיי איז ברסלב און אומאן א ביין אין האלז, נישט נאר די יאר נאר יעדעס יאר, זיי ציטערן אויב עס וועט אריינקומען דעם רבינס לימודים אין די וועלט איז אויס מיט זייער גאנצע ביזנעס, אויב די אידישע מידיא זאל סתם שווייגן נישט זאגן נישט יא און נישט ניין וועגן אומאן, קענען די אלע גרויסע רבי'ס ארויסדינגען זייערע שולן פאר ראש השנה, ווער וויל דען נישט זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, נו אודאי ווארטן זיי צו באמבאדירן קודם זאל זיך טון, קודם אומאן איז א סכנה, אומאן איז משוגעים, אומאן איז נאא-נאאך, אומאן איז פאר די סווארדים.

שוין! דאס איז די מלחמה, דאס איז צוויי באזינדערע מלחמות, עס איז דא די מלחמה וואס רוסלאנד פירט מיט אוקריינא און נאכדעם איז דא די מלחמה וואס דער סמך מם פירט מיטן רבי'ן דאס זענען די פרייע ציוניסטן, די פרומע ציוניסטן, קיינער גלייכט נישט דעם רבי'ן, דער רבי איז צופיל מחייב, אויב מען לאזט אפ די שלעכטע נאמען וואס איז דא אויפן רבי'ן וועלן אונז מוזן אנהייבן תשובה טון, און עס איז נישט אזוי פשוט.

עס איז נישט א נייע מלחמה, עס איז שוין א מלחמה פון אינדערהיים פארן קריג, ווען די אידישע צייטונגען האבן כסדר באשריבן "די טויטע



**"חסידים" דאס איז געווען די נאמען פון די ברסלב'ער, "טויטע חסידים" אדער די מער איידעלערע האבן זיי גערופן די אומאנער חסידים, און אראפגעלייגט ווי זיי וואלטן געווען עפעס פליענדיגע אביעקטן, יו. עף אויס...**

אוי ביסטו גוט! איך האב דיך נישט געמיינט אויפצורעגן, איך האב סתם געזאגט א פוינט, גראדע האב איך געפרעגט א סימפל קשיא נאר די שמועס האט זיך פארקירעוועט צו מלחמות, און צו די מלחמה פון רוסלאנד מיט אוקריינא.

**איך געדענק נישט ווי עס האט זיך אנגעפאנגען, אדרבה ברענג מיך צוריק צום שמועס... איך האב געטראכט דער ראש ישיבה זאגט אז חול המועד זאל מען זיך אראפזעצן איבערקייען די נסיעה קיין אומאן...**

דו האסט געזאגט אז אידן גייען מיט די געווער דאס איז א סימן אז זיי האבן געזיגט, האב איך געפרעגט א סימפל קשיא און איך ווארט נאך אויף א תשובה, אויב צוויי לענדער קריגן זיך, יא? איז ווען האלט מען געווער ווען מען פירט די מלחמה אדער ווען מען האט מנצח געווען די מלחמה? איך פרעג א פשוטע קשיא! אז דו זעעסט א סאלדאט גייט אין מלחמה מיט א ביסק מיט געווער איז דאס א סימן אז... ער האט געזיגט? דאס איז דאך א סימן אז ער האלט אינמיטן א שלאכט.

**פרעגסט זייער גוט דאס האב איך דיר טאקע געוואלט זאגן דאס איז געווען וואס איך האב דיר געזאגט פון רבי נתן, דאס איז רבי נתן'ס קשיא אויפן זוהר, און אויף דעם האב איך געוואלט בויען די "צום פינטל" שוין האסטו מיך איינגעשפארט ארבעט.**

סתם דרך אגב נישט אלעמאל איז עס ממש אזוי, אויב דו ביסט נייגעריג אין מלחמות וועל איך דיר ווייזן מלחמות וואס איז געווען אין אונזערע צייטן און עס איז געווען א בחינה **"קריג געווינען מלחמה פארלוירן..."**

י"א אב תש"נ איז דער דיקטאטאר פון איראק סאדאם כוסעין אריין אין קריג מיט זיין שכינות'דיגער קאוועיט, די קריג האט זיך געצויגן ביז דער דעמאלס'דיגער פרעזידענט בוש דער ערשטער האט זיך אריינגעמישט, מיטן אויסרייד אז עס געפינט זיך ביי דעם דיקטאטאר כעמישע וואפן וואס קען פארטיליגן די וועלט.

אפגעגעזען די ג ר ו י ס ע נצחונות וואס אמעריקע מיט אירע אליאירטע האבן דעמאלטס באוויזן, איראק האט געמוזט צוריקציען פון קאוועיט, איז אבער דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן געבליבן מיט א שאנד פלעק ווען ער איז אנטלאפן (געזיגט...) ער האט איבערגעלאזט דער איראקער פאלק אין א כאאטישע צושטאנד, מיליאנען מענטשן האבן געדארפט אנטלויפן, אמעריקע האט אנגעדרייט אז די באפעלקערונג זאל מאכן א אויפשטאנד, און אמעריקע וועט זיי קומען צו הילף, די איראקער בירגער האבן טאקע אנגעהויבן רעוואלטירן, אבער אמעריקע איז קיינמאל נישט געקומען צו זיי צו הילף, זיי זענען געבליבן ווי פארלוירענע שעף צו דעם כעס'יגן דיקטאטור, כוסעין איז געבליבן אויפן בענקל ביתר שאת ויתר עז, כעמישע וואפן האט מען נישט געטראפן (נישט ווייל ער האט עס גוט באהאלטן, נאר ווייל ער האט נישט געהאט...), **קריג געווינען מלחמה פארלוירן...** די שאנד פלעק וואס האט באגלייט די גע'ערטע בוש פאמיליע נאך זייערע געווינסן און דורכפעלער, האט געפירט צו א צווייטע זינלאזע קריג געפירט דורך זיין זון בוש דער צווייטער וואס האט רעגירט דורכאויס די צייטן



פון סעפטעמבער עלעוון...

כ"ג אדר האבן ניינצן היידזשעקער'ס פון א גרופע וואס הייסט אל-קאידא, פארכאפט 4 אמעריקאנער פליגער, זיי האבן אריינגעשמעטערט אין די צווילינג געביידעס אין מאנהעטען, און דערנאך אינעם פענטעגאן, מיט דעם האט די גרופע פאנאטיקער - נישט א לאנד - א סעקטע פון מענטשן, אזא חסידות... וואס איז געשטאנען אונטער די נשיאות פון בין לאדין, זיי האבן דערקלערט קריג קעגן אמעריקע...

הושענא רבא תשס"ב האט די פאראייניגטע שטאטן אריינגעשיקט אירע טרופן קיין אפגאניסטאן מיטן ציל אראפצואווארפן די טאליבאנער - וואס האבן דאן געהערשט אין לאנד - פון זייער פירערשאפט, די קאמפן זענען געווען זייער שווערע, נישט וויסענדיג און וואסערע פלאנטער ער גייט אריין, זיך שפירנדיג זיכער מיט די שטארקסטע... ארמיי אין די וועלט, האט פרעזידענט בוש דער צווייטער געכאפט די געלעגנהייט און אין חודש אדר תשס"ג איז ער אריין אין א לאנד וואס האט נישט געהאט קיין שום שייכות צו די קאנפליקטן, אבער כאן מצא בעל חוב לגבות את חובו, דער בוש האט געקלערט **א טובל אריין א טובל ארויס ברענגט ישועות ביי מיר אין הויז...** ער וועט אין געציילטע וואכן זיך אריין'טובל'ן אין איראק און ענדיגן דאס וואס זיין טאטע האט אנגעהויבן, ער וועט הרג'ענען דעם איראקער דיקטאטור. ער האט זיך פלוצלינג באוויזן אין די לאנד פונעם שונא, און מיליטערישע יוניפארם האט ער - אויף די עברעהעם לינקאלן שיף - דערקלערט צוויי ווערטער: "מישען עקאמפלישד"! דאס הייסט די מיסיע איז געענדיגט, מען קען אראפלייגן די געווער און די מילטער קען זיך גרייטן צו פארלאזן איראק... א מלחמה אן קיין הענט און אן קיין פיס, פונקט ווי קיינער האט נישט געוויסט פארוואס ער איז אריין, ווייסט מען נאך עד היום צו די מלחמה האט זיך אמאל געענדיגט, צוואנציג יאר האט זיך אמעריקע געמוטשעט נישט אראפצושלינגען נישט אויסצושפייען פארלירענדיג יעדן טאג אמעריקאנער סאלדאטן, דורך די פרימיטיווע איראקער ראוד זייט באמבעס, **קריג געווינען מלחמה פארלוירן...**

סאו ס'איז דא אזא זאך אז מען לייגט אראפ די געווער און מען איז ווייט פון געווינען, סאו קען זיין אז עס איז דא אמאל אז ווילאנג מען האלט די געווער איז מען נאך אין קריג... נא! עס שטימט עפעס נישט געהעריג... לאמיר הערן וואס רבי נתן ענטפערט.

**צום פינטל**

**מיין קריג - מלחמה פארלוירן שלאכט געווינען**

געמיינט האב איך ביז דאן אז דאס איז מיר שוין געווען מיין שלימזל'דיגסטער טאג אין מיין לעבן, יענעם טאג האט זיך אנגעהויבן מיט די לינקע פיס, איך בין אויפגעשטאנען נאר דריי מינוט שפעטער פון ווען דער זייגער האט אנגעהויבן קלינגען, למען ה'פינקטליכקייט... איך האב שוין געדרוקט בעפאר דעם סנאז קנעפל עטליכע מאל... מיין טעגליכע צופרי שיעור וועל איך שוין נישט מאכן, יעצט וויל איך שוין נאר כאפן א קאווע, לויפן, כאפן א מקוה, כאפן מיין טעגליכע מנין, אויב אלעס גייט אין צייט וועל איך שוין ארויספארן איידער עס הייבט זיך אן די שווערע טרעפיק, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף נאך זיין אין צייט ביי די קייט פון מיטונגען וואס איך האב היינט מיט נייע סאבּ'ס, דעזיינער'ס, און בעיקר מיט א נייע מענעדזשינג קאמפעני וואס איך ווארט שוין אזוי לאנג דערויף.

איך נעם ארויס מיין גלאז, שפאצירענדיג דעמיט צום פערקיולעטער, אבער ביים קוועטשן דאס קנעפל פון אויבן, הער איך שוין עס קומט שוין נאר ארויס א

קול מ׳וואסער... עס הערט זיך אזא הייזעריגע שטומע פון לופט אויסגעמישט מיט טראפקעלעך וואסער...

אן א קאווע וועט עס נישט גיין, זיך שנעל אראפבייגענדיג צום לעדל צו נעמען שנעל די קליינע שנעלער קאכער, און... מיין פעדער פליט מיר ארויס פון טאש... דא האט זיך די גאלדענע קייט פון דורכפעלער אנגעהויבן שפינען... מיין סעלפאן איז נישט געבליבען הונטערשטעליג, אין א גאלאפ נאך מיין פענע איז ער ארויסגעשפרינגען פון מיין טאש... זיך צופליענדיג אין אלע עקן פונעם שטוב... יעדער ווינקל קריגט א גלייכע שותפות אינעם ירושה... די בעטערי איז געפלויגן צום צפונית מערבית ווינקל... די קאווער (דעקל בלע"ז) געפינט זיך ביי מזרחית דרומית... דער טעלעפען זעלבסט... הע... ער בליקט ארויס מיט א שמייכל פון אונטערן טיש... זיך אראפבייגענדיג צאמצונעמען די ברוכוואג... יא! דער קראך פונעם צוגעגרייטע גלאז האט זיך נאכגעשלעפט פונעם פורקיולעטער ווייער זיך ציפיצלנדיג אין אלע עקן, האט אויפגעוועקט די בעיבי׳...מיט די פורקיולעטער ווייער אין הענט לויף איך ארום ווי פרעה מיט די פידזשאמעס... אויסקערן די גלאז, איבערבעטן מיין ווייב, פאר די מעס"ס, פארן אויפוועקן די בעיבי׳, איר מסביר זיין אז איך בין אויף שפילקעס, שוין! א כפרה די קאווע, א כפרה די גלאז, א כפרה די טעלעפאן, אבער מיין מקוה! מיין מנין! מיינע אפוינטמענט׳ס היינט! מיינע וויכטיגע מיטונגען היינט! ממש ווי אלע וואלטן זיך אפגעשמועסט פון פריער, אלעס רוקט זיך אויף צוריק... חוץ דער רשעות׳דיגער זייגער וואס שטייט פאסיוו, און קוקט זיך צו, ער האלט אלעס מיט, און מיט א צינישע שמייכל רוקט ער זיך להכעיס ווייטער אויף פאראויס, אלעס גייט ארויף צוריק און ער טאקט אויף פאראויס, זיכער מאכענדיג אז איך האב שוין אלס פארשפעטיגט, ער טאקט שוין יעצט ווייטער נאר פאר נצחון, זיכער צו מאכן אז מיין טאג איז א טאטאלער דורכפאל!

**קענסט אפשר קומען צום ווארט? דו האסט איבערגעהאקט אינמיטן א שאלה, ראש השנה, מלחמות, לולב, געווער, זוהר... האסט אנגעהויבן מיט א ניגון... די קענסט מיר אפשר זאגן ווי דו צילסט דא?**

ווארט א מינוט איך האלט דאך אינמיטן א מעשה, האק נישט אריין, וועסט באלד אלעס פארשטיין... איז ווי האמיר געהאלטן? אה! איז... אויב האב איך געמיינט אז איך האב דורכגעמאכט דאס גרעסטע שלימזלנות מיינער יענעם פרימארגן, איז הארך אויס וואס די צווייטע האלב טאג איז פארגעקומען, היינט איז וואכנאכט ביי א פלומעניק מיינער, ער ווארט שוין אויף קינדער דרייסיג יאר, יא! דרייסיג מיט א גימל, אקעי זיי נישט דערשראקן, די ערשטע אכצן יאר איז נאך געווען פאר זיין חתונה... אבער זייט דעמאלטס איז דאך שוין אויך צוועלעף יאר וואס ער ווארט אויף קינדער איך האב אים הייליג צוגעזאגט אז איך וועל באשיינען די שמחה פון אנהייב ביזן אויסלאז, אין מיין לוח האב איך א חתונה, נישט אז איך גיי צו חתונות אבער עס טראגט א סימבאלישקייט, די ערשטע חתונה פון די עידש פון חברים צוזאמען גע(לערנט) זיצן אין ישיבה, איך דארף מיך כאטש באווייזן די פנים, היינט נאכט איז דער שיעור אבער גענוג פרי עס שטערט נישט קיין איינע פון זיי, איך וועל עס קענען מאכן ווען נישט אז ברוך השם ביי סאפער האט מיר מיין טייערע ווייב מיך פארבעטן אויף סנדקאות... היינט נאכט, זי פילט נישט גוט, די קינדער פיבערן, דער קליינער ציינדלט און... איך האב איר צוגעזאגט אז היינט נאכן שיעור ביז צען פופצן מינוט בין איך אינדערהיים,

עס איז נישט דא קיין שמועסן, עס איז נישט דא קיין מחזק זיין קיינעם, זי פאלט נעבעך פון די כוחות, נישט דא קיין אויסהערן וויכטיגע נייעס צו מען וועט קענען פארן... איין מינוט צו מען האט געקענט פארן קיין אומאן אדער נישט, איך האב איר געגעבן מיין ווארט: איך לויף ארויס פון שיעור, שוין אפגעשמיסט מיט יוקל'ן דער ערשטער קאר פלי איך אהיים, איך האב שוין קלארגעשטעלט פאר מיין שוועסטער און מיין פלומעניק אז: אע... עס האט זיך עפעס געמאכט... איך ווייס... איך וועל אפשר קומען צום ברית, אדער... וועל איך פרובירן צו... איך ווייס אליינס נישט, אבער צום וואכנאכט וועל איך נישט קענען קומען, די חתונה ווייטער, עס איז ווייטאגליך אזא נאנטער חבר, איך וועל זיין דער איינציגסטער פון כיתה וואס וועט נישט ערשיינען, אבער מיין ווייב איז מיר וויכטיגער פון אלעס.

די שיעור האט זיך שוין געענדיגט, מיט א שטורעם פלי איך ארויס פון בית המדרש, איך זאל חס ושלום קיינעם נישט טרעפן יא! עס ווייטאגט אביסל! דער חתונה בריוול מיטן שרייענדיגער "היום" סטיקער דערויף, אבער פארפאלן איך בין געשטארבן...

ברוך השם איך זיץ שוין באקוועם ביי יוקל'ן אין קאר, ביי אים קלאפט אלעס ווי א שווייצער זייגער, ער קומט אן אהיים נאך איידער פארט ארויס... אבער אז ס'איז באשערט נחת קען מען נישט אנטלויפן... ער דארף נאר צוגיין אנפילן זיין ליידיגער טאנק מיט גאז... ווי קען דאס פאסירן ביי יוקל'ן? ווי האט ער דאס געקענט פארזען? שוין זעט זיך אויס אז ער איז אויך נאר א ילוד אשה... די וועג צום גאז סטאנציע איז א פארקינג לאט, די הויט ברענט מיר איך לויף... און איך לויף... און איך לויף... אבער עס דרייט זיך קאפויער, עס ווערט מיר אביסל לייכטער אויפן הארץ, איך זע פונעם פענסטער הערשל'ן, ער פארט שוין? געוועונטליך איז ער דער לעצטער, איך גיי נישט מאכן זיינע חשבונות, איך זאג יוקל'ן: אנטשולדיגט! אבער איך יאג מיך זייער, איך מוז לויפן, איך עפן די טיר, מיט די הוט אין די האנט לויף איך, איך מוז כאפן דעם קאר, אבער ווי אפגעשמועסט פריער האט דער רויטער ליכט וואס האט נאך קייייינמאל בעפאר זיך נישט געקימערט צו טוישן אויף גרין, ער וועט זיך פ א ר קיינעם נישט בייטן צו גרין, אבער דאס מאל האט ער צוגעשפילט, איך שריי.. איך לויף.. איך ווייז.. ווארט... אבער פארענט פון מיין אויגן ווערט דאס קאר אויך פארשווינדן, בבושת פנים לויף צוריק צו יוקל'ן אבער זיין קאר זע איך שוין אויף דער נעקסטער גאס כאפענדיג דעם געלען ליכט איידער עס ווערט רויט, יעצט בין איך איינער אליין... אוי מיין הארץ עס וויינט, ניטאמאל די תנועה איך געדעקן, אאהאאאהאאהאהא אהאהאאה אההאהאא...

**פארדארבענע פיש געגעסן, און פון שטאט ארויסגעווארפן...** קענסט די מעשה, ממש אזוי האב איך יעצט געשפירט, זיך צוקריגט מיט מיין שוועסטער, מיין נעפיו איז ברוגז אויף מיר, פארפאסט די חתונה פון מיין נאנטער חבר, און... מיין ווייב קאלט אריין, אמת אז איר הערט זיך נישט אונטער דעם פאון קאל?! איך האף אזוי! נאך א מזל! און מיינסט אז זי איז נישט גערעכט? איך הער די ליהודים וואס עס טוט זיך אין די בעקגראונד, די קינדער וואס זענען שוין געשלאפן ווען איך בין ארויס, האבן זיך יעצט פאראייניגט אינעם מאסן דעמאנסטראציע... אוי מי יתן לי אבר כיונה... ווער קען מיך אריבערטראגן גרעניצן... זאל זיין מיט א באן, צו מיט א טרעין... מיט א



באס מיט א פלעין... העלאו, פלען איט רייט וואלט שוין געמעגט האבן סערוויסעס פאר אזוינע שלימזלניקעס ווי איך... ווער קען מיך אריינפירן אין די מלחמה זאונע ביי מיר אין שטוב... ווי רבונו של עולם שפרינג איך אריבער די הייוועי און זיך זען אינדערהיים.

דאס איז א דוגמא פון א טאג פון שלימזלנות אויפן העכסטן גראד, אבער פיל מאל גייט עס טאקע נישט ממש עד כלות, איך געב דיר נאר א דוגמא זאלסט כאפן ווי א טאג קען זיך אויסשטעלן עס זעט אויס א טאטאלער דורכפאל.

און וואס קען שוין זיין ארגער פון דעם?

**אפשר ביים ארומגיין מיט די הושענות... ווען דער תכלת פונעם טלית האט זיך פונקט פאראנקערט אינעם באנק... איך וויל צוריקשלעפן... דער אתרוג'ל כאפט א גליטשט אפפס כמעט ארויס פון האנט, דער קליינער הושענא זאגער'ל פליט אראפ... דער איינציגער וואס איז אויף מיין זייט איז די שפיץ פון מיין נאז... וואס זאגט מיר צו אז ער וועט נישט צולאזן אז מיינע ברילן זאל זיך ווייטער גליטשן...**

גאנץ גוט צוגעטראפן, עס האט פאסירט אבער נישט ביי מיר, איך האב עס געזען פאסירן ביי מיין שכן... זעט אויס אז עס איז דא נאך שלימזלנים אויף דער וועלט... אדער קען זיין גאר ווייל ער איז געשטאנען נעבן מיר האט ער געקעטש"ט פון מיר... ווי האט ער געזאגט: ס'איז דאך קעטש"י...!

דאס אלעס איז ווילאנג דו האסט נישט דעם רבינ'ס התחזקות, א מענטש כאפט א קלאפ, נאך א קלאפ נאך א קלאפ, און עס קומט צו א פוינט ווי ער הייבט הענט, **אוי שלימזל אוי שלימזל! אוי שלימזל אוי שלימזל!** דער מענטש קען מער נישט, אדער א מענטש פאלט אריין אין עבירות, א מענטש דערזעט זיך ממש מיט צוויי לינקע הענט, ווי ער לייגט אריין א האנט מאכט ער קליא, שטיי אין די זייט שוין... העלף שוין נישט אזויפיל... פאר יעדע דאלער וואס ער מאכט פארלירט ער צוויי...

אבער אז מען קומט צום רבין הערט מען נייע זאכן, איך קען טאקע נישט צוריקדרייען דעם זייגער, אבער איך האב א מויל: **טאטער זיסער טאטע, קוק מיינע יסורים! קוק מיינע דורכפעלער! צוליב דעם בין איך באשאפן געווארן צו דורכפאלן און דורכפאלן! געב מיר כוח! זיי מיט מיר! איך וואלט ווען געדארפט העלפן מיין ווייב אבער איך קען נישט! עס איז ביזי בזיונות! באשעפער איך האב שוין אזוי שטארק געוואלט:**

זיך שוין איינמאל פאר אלעמאל צאמנעמען

זיין א פערפעקט ווייב

**זיין א גוטער מאן, געבן גוטע ווערטער פאר מיין ווייב פאר מיינע קינדער**

זיין א געלונגענע באלעבאסטע

**שוין געהעריג גיין אין שול דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין**

שוין פון זונטאג האבן אויסגעוואשן אלע וועש, גרייט צאמגעלייגט פאר די וואך

**שוין היטן מיינע אויגן**

ערב שבת נאכמיטאג זיין מיט אאאא-לעם פארטיג, און זיצן אויפן קאויטש מיטן תהילים

**אריינכאפן כאטש עפעס תורה, כאטש זאגן א פרק משניות, א דף גמרא**

אנהייבן געהעריג גיין אויף א שטרענגע דייעט

**שוין אויפהערן שרייען אויף מיין ווייב... פארוואס** זי הערט נישט אויף שרייען אויף די קינדער



**באשעפער מאך מיר א נס איך זאל מיך קענען טוישן!**

וווען? ווען? **זאג שוין ווען, אוי טאטע ווען?** ווען וועל איך שוין זיין א מסודר'דיגע מענטש? ווען וועל איך מיך קענען צאמנעמען, איך האב נארוואס אנגעהויבן מיט א פרישע קבלה, תשפ"ג גייט זיין פ'ריש ג'עשמאק פ'רייליך ג'וטמוטיג פ'שוט ג'עהויבן... יעדער איינער מיט זיין דמיון ווי אזוי דער נייער יאר גייט שוין אלעס פארן געשמירט, מען גייט זיך געהעריג... געהעריג... הערסטע? געהע-ריג! זיך געהעריג נעמען אין די הענט אריין, ג'ענדיגט מיט די פ'וילע שטיק ג'ענוג פ'עטענס אריינגעריקט ג'ענוג פ'ארשמירט מיין נשמה מיט שלעכטע קוקען, גענוג שוין מיט ג'עכאפטע פ'... אממ דאווענען שוין ס'שטימט נישט דא די פ'...

דאס איז וואס דער הייליגער רבי נתן ענטפערט, סתם אזוי ביי א מלחמה איז ווען מען האלט די געווער דאס איז א סימן אז מען האלט אינמיטן קעמפן, אבער ביי עבודות השם איז פונקט פארקערט, ווי לאנג דו לאזט דיך נישט נאך זיי זיכער אז דו ביסט דער זיגער אין די מלחמה, ווייל וואס אימער דו האסט געטון, וואס אימער דו ביסט דורכגעפאלן, ווי שלימזלדיג די לעבן זאל דיך נאר נישט אויסשטעלן, געדענק!

אויב האסטו נישט די התחזקות פון רבי'ן אדער אויב דו ניצט עס נישט און דו טראכסט: עס איז נישט פאר מיר! איך וועל שוין קיין (...) נישט זיין! זעסט נישט דו גולם! זעסט נישט דו שלימזל! זעסט נישט די צוויי לינקע הענט! זעסט נישט דו אומבאפארעטער! זעסט נישט דו אומגעלונגענער!

דאס איז שוין דאס ארגסטע, ווער האט דיר געהייסן מאכן די אלע פ'יינע ג'מטריאות, איך האב געהערט אין אומאן פון איינעם א הערליכע גימטריה אויף פ"ג א פ'אטש ג'עכאפט און פ'רייליך ג'עקלאפט... נו? נישט גוט? הע? העכער! איך הער נישט!

קינדער קומטס אריין אין רינג... נו א קאדאטשקע... **דידן דידן נצח, דידן דידן נצח, דידן דידן נצח... אנחנו מאמינים, מאמינים בני מאמינים... נאכאמאל... דידן דידן נצח אוי אהוי אנחנו מאמינים...** נו! אליעזר שלמה, נחמן נתן, יואל'יש, קומטס אריין... קאדאטשקע דארף מען נישט קענען... די עיקר מען טאנצט מען מאכט מיט די הענט.

ווילאנג דו ווייסט איך בין מיט די געווער אין די האנט! עס איז נישט עק וועלט! דעמאלטס ביסטו א געווינער, דאס איז די נצחון קעגן דעם שטן, ווייל דאס איז זיין גאנצע ציל, לייג אראפ די געווער, איך גלייב איר וועט ליינען די שורות שוין נאך יום כיפור, דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט, אזא טייער ווארט, אזא ווארט וואס קען מחיה מתים זיין יעדן נפטר, הער ווערטער! **האסט נישט געדאווענט אום יום כיפור!** אוי ווער דאווענט דען נישט יום כיפור? אבער כך המעשה איך האב נישט געדאווענט יום כיפור, **דאווען מוצאי יום כיפור!** אזא טייערע לימוד, אוי דער הייליגער רבי, אוי דער זיסער רבי נתן, אוי דער רחמנות'דיגער מוהרא"ש אוי דער לעכטיגער ראש ישיבה, אזעלכע לימודים! ביסט געפאלן? עס איז נישט אמת דו ביסט נישט געפאלן! יעצט אז דו זאגסט: נע! עס איז נישט פאר מיר! איך בין שוין סיוורי דערנאך! איך בין שוין סיי ווי פארפאלן! יעצט ביסטו געפאלן! נו דו כאפסט שוין וואס איז ערגער פון ארג?

אבער איך האב פאר דיר נייעס פון די ארגסטע פלאץ קענסטו זיך אויפהייבן, און זיך זאגן "איך בין נישט פארפאלן, איך וועל יא מצליח זיין".

**מלחמה פארלוירן? אבער די שלאכט געזיגט!** האסט אריינגעכאפט גוטע קלעפ? אבער דו האסט דעם שלאכט געווינען! ווי לאנג דו לייגסט נישט אראפ די געווער, ביסטו דער געווינער!

ברסלב

שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

א דירה אין שטעטל צו
פארדינגען פאר א שבת אדער
פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית
המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת
שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

Catskil Proffessional Plaza
עס איז נאך אוועליבעל אפאר
אפיסעס, איגעם הערליכן
אפיס בילדינג אין סענטער פון
שטעטעל
רופט ווילאנג עס איז נאך
אוועליבעל.

אברהם אלי' פרידריך
646-938-2503

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625




NEW SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845-206-9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845-720-0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!



## היכל הקודש
# נייעס

**אומאן**

## דערהויבענעם ראש השנה תשפ"ג אין אומאן



אנשי שלומינו פון איבעראל זענען נאך אונטערן רושם פונעם געהויבענעם יום טוב ראש השנה אין אומאן בצל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווי מען האט פארברענגט אינאיינעם גאר דערהויבן און הייליג, געדאווענט ברוב עם, געגעסן די סעודות שבת ויום טוב, און זוכה געווען צו הערן הערליכע פערל ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א במשך די גאנצע צייט.

פאר מען הייבט אן מיט'ן עצם שבת און יום טוב אין אומאן דארף ווערן ארויסגעברענגט די לאנגע נסיעה וואס מען האט דאס יאר געהאט אנצוקומען קיין אומאן, יעדער באזונדער איז דאס אדורך, אבער מען האט דאס געטון מיט'ן גאנץ הארץ, וויסענדיג אז דער הייליגער רבי האט דאס געוואלט, במילא איז מען גרייט אלעס צו טוהן אבי מען קען אויספירן דעם רבינ'ס רצון.

א גרויסע עולם איז געפארן מיט די ווערגן צוגעשטעלט דורך דעם אלעמען באקאנטן טרעוול אגענט "פלען איט רייד", וואס זיי האבן צוגעשטעלט די נסיעה פון אנהייב ווען מען האט זיך ארויסגעלאזט מיט'ן ערשטן פליגער, און דערנאך ווען מען האט זיך געטראפן אין פוילן, וואס דארט האבן זיי צוגעשטעלט א באס צום קומענדיגן פלאץ ווי מען האט זיך אויפגעהאלטן, דער אין ליזענסק און דער אין קראקא און אזוי ווייטער, דערנאך האבן זיי ווייטער צוגעשטעלט באסעס צום באן, וואס איז געפארן פון פשעמישל ביז אריין אין אוקריינא צום שטאט וויניציא, דארט איז דער עולם געווארן אפגעווארט פון א גרויסע פלאטע באסעס וואס האט געטראגן דעם עולם ביז צום היכל הקודש בנין אין אומאן.

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר די אלע געטרייע אינגעלייט פון פלען איט רייט וואס האבן אזוי שיין קעיר גענומען אז אלעס זאל קלאפן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף על צד היותר טוב, די עראפלאנען, די באסעס, די באנען, די לייכטע צובייס ביי יעדן פלאץ און אלע קלייניקייטן וואס מען האט מיטגעגעבען צו מאכן גרינגער די נסיעה.

מען הערט טאקע פון זייער אסאך אינגעלייט אז דאס יאר איז די נסיעה געווען אויסנאם געשמאק און גרינג, טראץ עס איז געווען א לענגערע נסיעה ווי נארמאל, זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס, זיי זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

און יעצט וועלן מיר פרובירן צו אראפגעבן א באריכט פונעם שבת קודש, און אזוי אויך פונעם הייליגן יום טוב ראש השנה תשפ"ג וויפיל עס איז שייך צו איבערגעבן אויפן פאפיר פאר די וואס האבן דאס נישט מיטגעהאלטן.

**שבת קודש**

פרייטאג צונאכטס האט מען געדאווענט א ווארימע דאווענען מיטן געשמאקן בעל תפילה מו"ה מאטי היימליך הי"ו, נאכן דאווענען - בשעת מען האט אנגעגרייט דעם בית המדרש צום סעודה, האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינער שמועס אונטן אין עס-זאַל, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "באמת דארף מען תיכף נאכן דאווענען אהיים גיין און מאכן די סעודה, נאר יעצט האט מען נישט קיין ברירה, מען דארף אנגרייטן דעם בית המדרש פאר די סעודה, במילא קען מען דאך נישט גלייך מאכן די סעודה". דער ראש ישיבה האט געגעבן א שמועס איבער דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און וויאזוי אלעס קען זיך איבערדרייען צום גוטן ווען מען געוואוינט זיך צו צו געבן פאר יעדעם גוטע ווערטער.

ביי די זמירות ווען מען האט געהאלטן ביים שטיקל פון "מודה אני לפניך" האט דער ראש ישיבה אויסגערופן: "ווען שבת געפאלט אום יום טוב לאזט מען אויס דעם שטיקל 'מודה אני לפניך', און א שבת ביים רבי'ן איז א יום טוב", און דער ראש ישיבה האט מיט א געוואלדיגע שמחה אנגעהויבן "אשת חיל" מיטן ברסלב'ן נוסח.

ביים סעודה האט מען געזונגען אינאיינעם, ווי דער ראש ישיבה רעדט כסדר איבערדעם אז דער עיקר אידישקייט איז טון די פשוטע זאכן ווי למשל זינגען זמירות וכדומה.

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה אויסגערופן אז מען זאל חלילה נישט לאזן די קינדער הפקר, אדער זאל מען זיך לייגן שלאפן מיט די קינדער, אדער זאל מען זיי האלטן נעבן זיך ביים באטע.



ביים באטע האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען דעם פריערדיגן שמועס פון דאנקען דעם אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דעם יאר האט יעדער מורא געהאט אז צוליב די פילע נסיעות און סטאפס און אזוי אויך זענען געווען אסאך באריכטן אז די עירפארטס זענען זייער איבערגעשטערענגט און מען האט זיך געריכט אז אסאך רענצלעך וועלן נישט אנקומען, דערפאר האט יעדער גוט מתפלל געווען "באשעפער העלף מיינע רענצלעך זאלן אנקומען" און ווי וואונדערליך עס הערט זיך, איז דאס יאר כמעט נישט פארלוירן געווארן קיין רענצלעך.

שבת קודש אינדערפרי איז דער ראש ישיבה געגאנגען צום ציון מיט פילע פון אנשי שלומינו, מען האט געזאגט דארט תיקון הכללי און דערנאך האט יעדער זיך מתבודד געווען פאר א שטיק צייט, מען האט געבעטן דעם רבי'ן וואס מען דארף פאר די גאנצע יאר.

נאכן דאווענען איז געווען א שיינע שיעור אין סיפורי מעשיות, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט מעשה י"ג פון די זיבן בעטלערס, דער ראש ישיבה האט גערעדט: אפילו דו האסט שוין געבעטן דעם אייבערשטן אויף א געוויסע זאך און האסט עס נאכנישט באקומען, בעט נאכאמאל, און אויב ביסט נאך אלץ נישט געהאלפן געווארן, איז אפשר דארפסטו זען צו רעדן צום אייבערשטן מיט דרך ארץ? מען דארף זיך "אויסרעדן" צום אויבערשטן, און נישט זיך "אפרעדן".

דערנאך האט דער ראש ישיבה אביסל ארום גערעדט איבער "שלום בית", רעדן שיין צו די וויב, שטענדיג זען די מעלות און נישט באמערקן די חסרונות פון די וויב.

דער עולם האט אויסגענוצט דעם שבת נאכמיטאג ווי עס דארף צו זיין, אדער האט מען זיך אראפגעלייגט און זיך אויסגערוט פונעם שווערן וועג, אדער איז מען געגאנגען צום רבינ'ס ציון, אדער האט זיך יעדער געלערנט זיינע שיעורים אין בית המדרש (אגב: שפעטער ביי איינע פון די דרשות האט דער ראש ישיבה באוואונדערט דאס וואס ער האט געזען שבת נאכמיטאג אז דער עולם זיצט מיט א אזא געשמאק אין בית המדרש און מען לערנט די שיעורים כסדרן).

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה געזאגט: בלויז קומען קיין אומאן אויף ראש השנה מאכט נאך נישט דעם מענטש פאר א ברסלב'ער, צום רבין אין אומאן דארף קומען די גאנצע וועלט, ווער דארף דען נישט קיין תיקון פאר זיין נשמה? נאר וואס דארף מען טון צו זיין א ברסלב'ער? לערנען יעדן טאג אביסל משניות, אביסל גמרא, אביסל חומש. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבער דעם זיסן "סדר דרך הלימוד" וואס דער רבי האט אונז געגעבן, אפילו דו האסט נישט קיין געדולד, האסט נישט קיין חברותא, "זאג די ווערטער אפילו אָן קיין עברי..."

אויך האט דער ראש ישיבה אסאך ארומגערעדט אז מען דארף נישט וועלן וויינען ביים ציון, דאס איז נישט קיין חלק פונעם תיקון, און די מציאות וויזט אז וואס מער מען דרוקט זיך צו וויינען גייט עס נישט...

מוצאי שבת קודש נאכן זינגען זמירות און עסן מלוה מלכה איז פארגעקומען א זייער מרוגש'דיגע מעמד, דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן פילע אינגעלייט בחורים און אינגלעך וואס האבן יעצט זוכה געווען צו מאכן סיומים, עס זענען פארגעקומען 5 סיומי הש"ס. 10 סיומים אין משניות, 3 ספר המידות, 2 כל ספרי רבינו, א סיום שלחן ערוך, און נאך פילע סיומים, דאס איז אויסער די פילע סיומים וואס אנשי שלומינו האבן געפראוועט ביי זיך אינדערהיים איידער זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

דער ראש ישיבה האט זיך נאכדעם אויסגעדריקט: נאך אזעלכע סיומים קען מען שוין גארנישט זאגן, מען דארף זען אז מען זאל בלייבן מיטן גוטן טעם אין מויל. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז דאס איז מער פון אלע דרשות וואס מען קען געבן, ווען מען זעט ווי צווישן די מסיימים זענען דא אלע סארטן אידן אין אלע מצבים, און ווען א בחור אדער אינגערמאן זעט מיט די אייגענע אויגן ווי א בחור אדער אינגערמאן מיינס גלייכן קען זאגן משניות, ש"ס, שו"ע, ספרי רבינו, און אזוי ווייטער, עפענט זיך אויף זיין הארץ און ער באשליסט "לאמיר אויך אנהייבן א שיעור אין גמרא און אין משניות".

**ערב ראש השנה**

מוצאי שבת קודש איינס אזייגער נאך סעודת מלוה מלכה איז זיך א פילקעפיגער עולם צוזאם געקומען אין היכל הבית המדרש צו סליחות "זכור ברית", ווי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו האט מיט זיין זיסן שטומע פארגעזאגט די סליחות מיט גרויס התעוררות. נאך די סליחות האט זיך דער עולם געשטעלט אין די רייע צו איבערגעבן די "פדיון נפש" פארן ראש ישיבה שליט"א וואס מען נוצט דאס געלט צו דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וועט עס איבערנעמען מארגן נאך שחרית, דאס וואס מוהרא"ש האט די לעצטע יארן געגומען פדיון נפש א נאכט פריער, איז געווען צוליב די גרויסע עולם וואס איז געקומען, אבער באמת באלאנגט דאס פאר ערב ראש השנה אינדערפרי.

אינדערפרי נאך שחרית האבן זיך טאקע פארזאמעלט א שורה פון הונדערטער אידן צו געבן פדיון נפש פאר ראש ישיבה שליט"א וואס האט זיך געצויגן פאר לאנגע שעות, וואס צוליב דעם האט מען געמוזט מפסיק זיין, און מען האט ממשיך געווען פדיון נפש אין די נאכמיטאג שעה'ן פאר עטליכע שטונדן.

**ערשטע טאג יום טוב**

ערב יום טוב צום זמן איז זיך דער עולם צוזאם געקומען אין בית המדרש צו די לעצטע מנחה פון יאר, מען האט געדאווענט מיט גרויס התעוררות. נאך מנחה האט דער בעל תפלה מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו פארגעזאגט די פיוט פון "אחות קטנה וואס ענדיגט זיך נאך יעדן שטיקל מיט די ווערטער פון "תכלה שנה וקללותיה" און דער לעצטער שטיקל ענדיגט זיך "תחל שנה וברכותיה", דערנאך האט מען געדאווענט דעם ערשטן מעריב פונעם יאר.



דערנאך איז פארגעקומען די סעודה אין בית המדרש, און וויבאלד דאס איז דער ערשטער טאג יום טוב איז עס געפראוועט געווארן מיט גרויס ערנסקייט.

ביידע טעג יום טוב זענען א גרויסע ציבור אויפגעשטאנען פארטאגס פארן עלות, און נאך די מקוה האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם בלאט גמרא, נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט איבער דעם אז מען זאל אויסנוצן די צייט צו גיין צום הייליגן ציון, דער פלאץ ווי מען קען פועל'ן אלע ישועות. דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צופיס א האלבע שעה צום ציון הקדוש, ווי מען האט געזאגט דער "תיקון הכללי" און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס אין די צופרי שעה'ן ווען מען קען אביסל גרינגער צוקומען צום ציון.

אום אכט אזייגער האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית מיט גרויס געהויבנקייט, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען דער ערשטער טאג מו"ה שלמה ראטה הי"ו און דער צווייטער טאג איז צוגעגאנגען מו"ה אלחנן רוטה הי"ו, שחרית און מוסף האט דער ראש ישיבה געדאווענט מיט גרויס געהויבנקייט. פאר תקיעת שופר האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט א תקיעת שופר דרשה ווי ער האט ארויסגעברענגט דער גרויסער עת רצון וואס עס איז דא אין הימל בשעת תקיעת שופר, וואס קיין שום מקטרג קען זיך דאן נישט עפענען דאס מויל, און עס איז א גוטע צייט תשובה צו טון אויף אלעס וואס האט מען געטון. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן דאס וואס מוהרא"ש פלעגט מעורר זיין פאר תקיעת שופר, אז מען זאל זיך נישט פיינט האבן איינער דעם צווייטן, און אויב איינער האט עפעס קעגן א צווייטן זאל ער ביטע ארויסגיין פון בית המדרש.

נאכן דאווענען האט מען געפראוועט די סעודה מיט גרויס געהויבנקייט. אנשי שלומינו האבן אויסגענוצט די נאכמיטאג שעות מיט תורה תפלה התבודדות און גיין צום הייליגן ציון זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.

נאכמיטאג איז דער גאנצער ציבור בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א געגאנגען זאגן תשליך ביים וואסער וואס לויפט נעבן דעם בנין.

נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געגעבן גאר א שיינע שמועס, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט א שטיקל פונעם מחזור "עת רצון" פון מוהרא"ש זי"ע וואס ברענגט אראפ א שטיקל פון ספר ליקוטי הלכות, אז דער צדיק גייט נישט אוועק פון דער וועלט איידער ער לאזט איבער א תלמיד וואס ברענגט אריין די לימודים פונעם צדיק אין זיינע תלמידים, און דאס דארפן מיר טון - גיין זוכן אזא תלמיד וואס רעדט איבער פשטות יהדות, א פלאץ וואס איז מחזק אויף לערנען תורה, לעבן מיט אמונה, און שטענדיג רעדן צום אייבערשטן, א צדיק וואס לערנט אויס זיך צו פרייען מיט די מצות, אזוי אויך לערנט ער אויס למודים וויאזוי צו פירן א שטוב, צו לעבן בשלום אינדערהיים מיט די ווייב.

**צווייטע טאג יום טוב**

וכמעשהו בראשונה, כך מעשהו בשניה, אבער פון נאך תשליך דעם ערשטן טאג האט זיך שוין אנגעהויבן "דינא רפיא" ווען מען האט שוין מער געזונגען און געטאנצט ביי די סעודות. דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן פארשידענע אנשי שלומינו זאלן זינגען שיינע חזנות שטיקלעך פון די פארשידענע פיוטים פונעם דאווענען, פון וואס דער עולם האט זיך דערקוויקט.

דער צווייטער טאג נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה געגעבן א קורצע שמועס, ווי מען האט צוערשט אנגעהויבן מיט ניגוני התעוררות און ניגונים פון בענקשאפט צום אייבערשטן. דערנאך האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז ווען מען גייט אהיים דארף מען זען צו נעמען פונעם רבי'ן די מתנות וואס ער געבט אונז. מען זאל מיטנעמען מיט זיך דער סדר דרך הלימוד פון "זאגן" משניות און גמרא, מען זאל זיך איינפאקן די עצות פון שלום בית, "אויב די ווייב שרייט טאר מען נישט ענטפערן און זיך טענה'ן, אפילו מיט א חבר דארף מען זיך נישט טענה'ן, אבער ביי א חבר איז עס נישט אזוי געפערליך ווי ביי א ווייב, און אויב שרייט זי יא אויף דיר זאלסטו עס אננעמען פאר כפרת עוונות און תשובה טון", אזוי אויך דארף מען מיטנעמען די ריינע אמונה, לעבן מיטן אייבערשטן, זיך פרייען מיט די פשוטע מצוות, מיט שבת, תפילין, ציצית, בארד און פיאות, די בארד ברענגט פרנסה פאר'ן מענטש, און די פיאות ברענגט שכל.

**מוצאי יום טוב**

נאך מעריב האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט אין א פייערדיגע טאנץ ווי דער מנהג ביי ברסלב'ע חסידים, מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים אז מען האט געקענט איבערקומען אלע כלליות'דיגע מניעות ווי געלט, משפחה, מלחמה, און אלע פרטיות'דיגע מניעות וואס יעדער איז דורך פריוואט, און יעצט אז מען איז דורך דעם געהויבענעם ראש השנה, איז סמוך ובטוח אין זכות פונעם הייליגן רבי'ן אז מען האט גע'פועל'ט א זיס און געבענטשט יאר, א שנת גאולה וישועה.

פון דארט האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט מיט די באסעס צום באן סטאנציע פאר א לאנגע נסיעה פון בערך צען שעה ביז אריין אין שטאט פוילן. פון דארט איז א גרויסע עולם געפארן קיין ריישא ווי מען האט זיך אויפגעהאלטן איבער נאכט, פלען איט רייט האט צוגעשטעלט א ברייטע נאכטמאל, און אינדערפרי איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע פרישטאג, פון דארט האט מען זיך ארויסגעלאזט קיין ווארשא קיין ניו יארק, ווי מען איז אנגעקומען דאנערשטאג ביינאכט געזונטערהייט מיט פולע זעק פון ישועות פאר די גאנצע יאר.

דאס איז אלעס ממש אויפ'ן שפיץ גאפל וויפיל די צייט האט ערלויבט אראפצושרייבן אביסל פונעם געהויבענעם יום טוב ראש השנה און אלעס ארום.

מיר האפן נאך אראפצוברענגן שיינע נקודות פון אנשי שלומינו וואס זיי האבן ארויסגענומען פון יום טוב אין אומאן, און אדרבה ווער עס קען זאל אריינשיקן צו די רעדאקציע זיין נקודה פונעם יום טוב.

## ראש השנה שלי עולה על הכל

# מיין סיפור התקרבות

## הרב ר' שלמה מאיער שליט"א
פארציילט:



**אין לעיקוואד וואוינט א ברסלבע'ר חסיד א תלמיד פון מוהרא"ש וואס טראגט גאר א שיינע סיפור התקרבות אינטער זיך.**

**לכבוד דעם הייליגן יום טוב סוכות האט זיך די מערכת צוזאמגעזעצט מיט הרב החסיד ר' שלמה מאיער שליט"א פון שטאט לעיקוואד, וואס פירט דארט אן מיט די ברסלב'ע בית המדרש שוין קרוב צו אכצן יאר צום גוטן. צו הערן אביסל פון אים זיין סיפור התקרבות.**

**שואל:** א גוט יאר ר' שלמה שליט"א, ברוך השם עס איז דא א פרישע דור תלמידי מוהרא"ש וואס ווילן הערן די עצות פון הייליגן רבי'ן און דאס מקיים זיין. ס'וואלט געווען אינטערעסאנט צו הערן פון אייך אלס איינער וואס איז שוין מקורב געווארן איבער פופציג יאר צוריק, וויאזוי און ווען איר זענט אנגעקומען צו אונזער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

**ר' שלמה:** דאס גייט שוין צוריק צו א מעשה פון צוויי און פופציג יאר צוריק, די מעשה האט זיך אנגעהויבן ווען מיין באבע ע"ה האט מיר געגעבן א דאלער טאשן געלט, איך האב זייער געגליכן ספרים, האב איך אזוי פאר פרישע ספרים. איין טאג גיי איך אדורך דעם ברסלב'ן בית המדרש אויף די זעכצענסטע עוועניו גאס אין בארא פארק, איך גיי דארט אריין, טרעף איך דארט א אינגערמאן, ער נעמט מיר אויף און ער זאגט מיר "דא האסטו אפאר שיינע קונטרסים", איך האב אים געגעבן דעם דאלער וואס איך האב געהאט פון מיין באבע, און דער אינגערמאן (שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז דאס איז געווען מוהרא"ש) האט מיר נאך צוריקגעגעבן רעשטע, איך האב מיר באדאנקט, און דערנאך נאך געכאפט א שטיקל שמועס, און מיט דעם האט זיך געענדיגט די ערשטע צאמטרעף וואס איך האב געהאט מיט מוהרא"ש.

**שואל:** פאר איך האב אנגעהויבן די שמועס מיט אייך האב איך אזוי געקוקט די ספרים פון מוהרא"ש וואס איר האט דא אין אייער בית המדרש ברסלב, איך זעה דא די גאר אלטע דרוק פון ספר "אשר בנחל", עס שטייט דא די דאטום "תשל"ו" דאס איז די יאר וואס איר זענט מקורב געווארן?

**ר' שלמה:** ניין, איך בין מקורב געווארן אפאר יאר פריער, אין יאר תשכ"ט, סיון תשכ"ט בין איך אנגעקומען קיין ברסלב אלס 15 יעריגער בחור, מיין טאטע איז געווען פון די נאווארדאקער חסידים, ער האט געהארעוועט אלע יארן צו זיין א ערליכער איד, און ער האט געארבעט



מוהרא"ש זי"ע לערנט פאר אין די אינגע יארן



אריינצולייגן אין די קינדער זיי זאלן לעבן מיט תכלית.

מיין טאטע האט געארבעט אהיימצוברענגען עסן אין שטוב, אבער זיין קאפ איז געווען אין בית המדרש ביים גמרא, אין מיר האט אבער געברענט עפעס וואס איך האב נישט געוויסט וויאזוי דאס אנצוכאפן, איך האב געוואלט זיין א ערליכער איד, ביז איך בין אנגעקומען צו ברסלב, דאס איז געווען מוצאי שבת נשא תשכ"ט, נאכ'ן דאווענען מעריב אין א בית המדרש נעבן ברסלב'ער שול אין בארא פארק בין איך אריין אין ברסלב'ער שול און איך טרעף דארט א אינגערמאן פון 22 יאר, וואס שטייט און שמועסט מיט אנדערע אינגעלייט התחזקות, ווען די שמועס האט זיך געענדיגט איז דער אינגערמאן (וואס דאס איז געווען מוהרא"ש, דעמאלט פלעגט מען אים רופן מיט'ן ערשטן נאמען, שפעטער אין תשמ"ב איז ארויפגעקומען די נאמען "מוהרא"ש") צוגעקומען צו מיר און ער זאגט מיר: "קענסט מיר רופן אויפן טעלעפאון אינמיטן וואך אויב דו ווילסט", און ער האט מיר געגעבן זיין נומבער צו קענען רופן, איך בין צוריק געגאנגען אין ישיבה, און



די לעכטיגע צורה פון מוהרא"ש זי"ע

טאקע במשך די גאנצע וואך האב איך אסאך גערופן מוהרא"ש אויפן טעלעפאון און געשמועסט שעות על גבי שעות, איך האב געהערט אסאך שיינע דיבורים פון אמונה, שמחה, תפלה, תורה און אזוי ווייטער, **דעמאלט האב איך געשפירט אז איך האב געטראפן מיין פלאץ**, און אזוי האב איך אנגעהויבן צו פאלגן די עצות פון הייליגן רבי'ן.

יעדע מיטוואך נאכט פלעגט מוהרא"ש געבן א שיעור התחזקות אין בית המדרש ברסלב בארא פארק, מען האט פארגעלערנט פונעם ספר ליקוטי מוהר"ן, רוב מאל איז דער בית המדרש געווען פול פון איין זייט ביזן צווייטן, מער ווי זיבעציג מענטשן, יעדע מאל מען איז ארויס פון שיעור איז מען ארויס מיט א פרישע ברען צו דינען דעם אייבערשטן פונדאסנייי יעדער איינער אויף זיין וועג.

נישט אלץ האב איך געקענט זיין ביים שיעור, ווייל די התנגדות צום רבי'ן פון אינעווייניג אין מיין משפחה איז געווען גרויס, און אויך האב איך געלערנט אין א ישיבה אינדרויסן פון שטאט, במילא האב איך נישט געקענט אזוי אפט אנקומען צום שיעור. וואס דען, מיין קשר מיט מוהרא"ש איז געווען אדער פריוואט אין שטוב, אדער אויפן טעלעפאון.

ס'איז אינטערסאנט אנצומערקן אז זייט איך בין מקורב געווארן און איך האב געזעהן וואס דער הייליגער רבי טוט מיט מיר, האט זיך אנגעצינדן אין מיר א געוואלדיגע הערכה און א ליבשאפט צו יעדן מקורב, איך האב נאר געזיכט צו העלפן אנדערע אנשי שלומינו אפילו איך האב זיך נישט אזוי געקענט מיט אים פונדערנאנט.

צוריק צו מיין התקרבות; יענע צייטן איז געווען ברסלב'ע חסידים בעיקר אין ירושלים, בני ברק, און אביסל אין ניו יארק, אבער דער

מושג צו מקרב זיין אלגעמיינע אידן צו ברסלב איז נישט געווען, ביז מוהרא"ש איז געקומען און געמאכט א מהפיכה צו מקרב זיין נאך און נאך אידישע קינדער זיי זאלן וויסן פון די לעכטיגע עצות.

לאמיר דיר ווייזן די ערשטע אשר בנחל, דעמאלט האט עס געהייסן "נועם אשר בנחל", ביים סוף פונעם ספר שטייט אריינגעדרוקט א זכות פאר מיר פארן העלפן דרוקן דעם ספר.

**שואל:** זייער אינטערסאנט צו הערן, וואס איז ווייטער געווען נאך תשכ"ט?

**ר' שלמה:** פון דעמאלט איז אריבער אפאר יאר וואס איך האב זיך נישט געטראפן מיט מוהרא"ש, נאך אפאר יאר האבן מיר זיך נאכאמאל געטראפן, און ער האט מיר געזאגט אז איך קען אים רופן ווען איך שפיר אז איך דארף התחזקות, אזוי האב איך טאקע געטוהן, יעדע מאל ווען עס האט אויסגעפעלט האב איך גערופן און זיך אדורך גערעדט. אויך האבן מיר געהאלטן קשר מיט שרייבן בריוון, וואס איז שפעטער געדרוקט געווארן אין ספר "אשר בנחל".

**שואל:** ווען איר זענט אנגעקומען האט שוין מוהרא"ש געהאט אן אייגענעם בית המדרש היכל הקודש?

**ר' שלמה:** ניין, מוהרא"ש האט געדאווענט אינעם ברסלב'ן שול אויף 16 עוועניו.

**שואל:** וועם פון די תלמידים געדענקט איר פון יענע צייטן?

**ר' שלמה:** א יאר נאך מיר איז ר' דניאל בוים הי"ו מקורב געווארן, אויך נאך תלמידים וואס זענען היינט גרויסע משפיעים אין ברסלב, געדענק איך פון דעמאלט. וואס אגב דאס איז א עקסטערע שמועס פאר זיך, וואס עס האט פאסירט מיט די אלע תלמידים, אלע האבן קונה געווען ביי מוהרא"ש גאר אסאך, אבער ליידער זענען זיי שפעטער אנגעקומען צו לצים וואס האבן זיי אפגעקילט פון מוהרא"ש.

**שואל:** וויאזוי האט איר יא געהאט די כוחות זיך צו האלטן ביי מוהרא"ש אפילו אנדערע חברים זענען אוועקגעגאנגען?

**ר' שלמה:** דארפסט פארשטיין אביסל די מצב וויאזוי עס איז געווען דעמאלט, ווען איך בין מקורב געווארן איז נישט געווען א ישיבה וואס מוהרא"ש האט געפירט אדער א בית המדרש, במילא איז נישט געווען אזוי שייך די זאך פון אוועקגיין, אבער אפילו שפעטער ווען עס איז שוין יא געווען א אייגענע בית המדרש היכל הקודש, איז אויך געווען די חילוק פון מיר און אנדערע וואס זענען אוועק געגאנגען, אין די וועג וויאזוי זיי האבן אנגעקוקט די התקרבות.

לאמיר דיר בעסער מסביר זיין, מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן, "**איך וויל דו זאלסט לערנען דעם רבינ'ס ספרים, און אים פאלגן**", און דאס האב איך פרובירט צו מקיים זיין אלע יארן, איז במילא ווען איינער איז געקומען זאגן "מוהרא"ש איז נישט ממש דעם רבינ'ס זאך, ער





דער ראש ישיבה שליט״א ביים געבן א שיעור אין בית המדרש
ברסלב לעיקוואד בנשיאות ר' שלמה שליט״א
פרשת לך לך תשע״ח

טוט אזוי ער טוט אזוי״, איז דאס מיר נישט אנגעאנגען, ווייל וואס אינטערסירט מיר פונקטליך וואס מוהרא״ש טוט, איך ווייס אז דער מענטש ברענגט מיר צום תכלית, איז וואס גייט מיר אן פון דארט און ווייטער.

אז מען רעדט שוין וועגן די התנגדות פון יענע יאר, איז אינטערסאנט צו פארציילן וואס ס'איז געווען, אסאך זענען ליידער אוועקגעפאלן אין די ל' יארן, דעמאלט האב איך מיר געגרייט צו אריבער ציען קיין לעיקוואד, און מענטשן זענען געקומען זאגן פאר מוהרא״ש אז איך בין אויך נתרחק געווארן, בין איך דעמאלט געקומען צו מוהרא״ש און איך האב אים געזאגט ״איך גיי מיר יעצט אריבער ציען קיין לעיקוואד, עס קען זיין מענטשן גייען ווייטער זאגן אז איך בין נתרחק געווארן, וויל איך זאגן פאר מוהרא״ש, אז אויב איך גיי האבן קשיות און איך גיי וועלן אוועקגיין, גיי איך דאס קודם קומען אויסשמועסן מיט מוהרא״ש, אבער ווילאנג דאס פאסירט נישט איז אלעס שקר וכזב, און ברוך השם דאס האט קיינמאל נישט פאסירט.

נאך א חלק וואס האט דעמאלט פאסירט איז געווען אז מוהרא״ש האט זיך דעמאלט בכלל נישט געפירט ווי א משפיע, ער איז געגאנגען מיטן זעלבן לבוש ווי א צווייטן, ער איז נישט געזיצן אויף מזרח, און נישט געמאכט קיין שום תנועה ווי א מפורסם, אין די שפעטערע יארן ווען עס האט געפלאקערט די מחלוקת אנטעגן מוהרא״ש, און מען האט מצליח געווען מיט דעם צו מרחק זיין מענטשן, האט זיך מוהרא״ש אנגעטון רביש'ע קליידער.

נאכדעם זענען ווייטער געקומען מענטשן צו מיר זאגן אז מוהרא״ש איז א מפורסם של שקר רחמנא לצלן על פי די תורה אין ליקוטי מוהר״ן חלק א' סימן ס״א, אבער אז מען לערנט דעם תורה זעהט מען אז א מפורסם של שקר איז אויב איינער האט די צוויי זאכן, איינס אז ער פסל'ט אפ א צווייטן מלבא בקהל, און צווייטענס אויב ער איז מבזה ספרים וואס רעדט פון אמונה, נו פארשטייט זיך אז ביי מוהרא״ש איז דאך געווען די צוויי זאכן פונקט פארקערט, ער האט געזוכט צו מקרב זיין יעדן איד, און ער האט געשריבן טויזענטער ספרים וואס רעדט פון אמונה, אבער דער אמת איז אז מיר דארפן נישט פארענטפערן יעדנ'ס נארישע שאלות.

**שואל:** זייער שטארק! וואס קענט איר מיר פארציילן עפעס וואס איר געדענקט פון יענע יארן?

**ר' שלמה:** איך געדענקט די התמדת התורה וואס מוהרא״ש האט אין אונז אריינגעלייגט, איינע פון די בחורים (היינט איז ער א גרויסע תלמיד חכם אין ארץ ישראל) האט דעמאלט גאר גאר פלייסיג געלערנט אויפ'ן סדר הלימוד, ער האט זיך אנגעגרייט א הויפן ספרים וואס ער האט געוואלט לערנען, און ווען ער האט שוין געהאלטן ביים ענדיגן איין ספר לערנען, האט ער שוין געעפענט דעם קומענדיגן ספר, אזוי אז גלייך ווען ער ענדיגט זאל שוין זיין אפן דעם קומענדיגן

ספר, כדי נישט צו דארפן בטל'ן קיין צייט. אזוי שטארק האט מוהרא"ש אריינגעלייגט אין אונז די התמדה צו לערנען.

**שואל:** זייער שיין, דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אויס די בחורים זיי זאלן אפשרייבן יעדעס מאל זיי מאכן א סיום, איר ווייסט אויך א חשבון וויפיל מאל איר האט געענדיגט משניות ביז היינט?

**ר' שלמה:** ניין, איך האב נישט אפגעשריבן, אויך בין איך נישט מסיים יעדע חודש גאנץ משניות, ר' דניאל האט דאס גענומען גאר שטארק, פון ווען ער איז מקורב געווארן ביז היינט זאגט ער יעדן טאג אכצן פרקים משניות, ער וועט לכאורה ברעכן די היסטאריע פון א מענטש וואס האט געענדיגט די מערסטע מאל משניות במשך זיין לעבן, דער אייבערשטער זאל אים געבן די כוחות ביז די לעצטע טאג.

**שואל:** וועלכע סדר האט מוהרא"ש דעמאלט אויסגעלערנט די בחורים וויאזוי צו לערנען דעם רבינ'ס ספר ליקוטי מוהר"ן?

**ר' שלמה:** מוהרא"ש האט געוואלט מען זאל עס ענדיגן יעדע חודש, אזוי פלעגן אלע בחורים זיך פירן, היינט פרוביר איך צו ענדיגן ליקוטי מוהר"ן צוויי מאל א יאר, דאס הייסט איך לערן יעדן טאג א עמוד, וואס דאס נעמט בערך 11 חדשים, און די לעצטע חודש וואס דאס איז חודש אלול ענדיג איך עס נאך איינמאל.

**שואל:** וויאזוי איז צוגעגאנגען אייער שידוך, איז געווען עפעס א אפהאלט פון קענען א שידוך טון צוליב די התנגדות אויף ברסלב?

**ר' שלמה:** ווען מען האט אנגעטראגן פאר מיין שווער די שידוך, איז מיין שוואגער (מיין ווייב'ס ברודער) געגאנגען פרעגן הרה"ק מסאטמער זי"ע אויב מען זאל טון די שידוך ווייל מען הערט אז איך בין א ברסלב'ער, האט דער רבי געזאגט עס איז נישט קיין נישט פראבלעם צו זיין א ברסלב'ער, מען זאל גיין ווייטער מיט'ן שידוך.



מוהרא"ש זי"ע ביים פארזאגן די הושענות הושענה רבה תשמ"ט אין יבנאל

**שואל:** ווען האט איר די לעצטע מאל געזעהן מוהרא"ש בחייו?

**ר' שלמה:** די לעצטע מאל איך האב זיך געטראפן מיט מוהרא"ש איז געווען א חודש פאר די פטירה, ער האט זיך באטייליגט ביי א חתונה אין לעיקוואוד.

**שואל:** איך זעה דא אין בית המדרש האט איר א הפצה סענטער, וואס קענט איר מיר פארציילן וועגן דעם?

**ר' שלמה:** יא, דאס איז א געוואלדיגע הפצה, שטענדיג קומען מענטשן אריין און קויפן ברסלב'ע ספרים, איך האב ספרים אין לשון קודש, אידיש און א גרויסע חלק אין ענגליש, ווייל דא רעדט מען אסאך ענגליש.

לעצטנס האב איך שוין געמאכט א בעסערע סיסטעם צו וויסן וויפיל ספרים עס גייט, יעדע ספר האט א בארקאו"ט אויף זיך, עס ווערט געסקענ"ט ווען מען קויפט



שמחת החתונה פון תלמיד הישיבה יודל פעלדמאן הי"ו און אייניקל פון ר' שלמה שליט"א - ד' שלח תשפ"א

עס, אזוי ווייסט מען וויפיל ספרים עס גייט. די לעצטע יאר אליין איז ארויס אין סעיל"ס בערך צוואנציג טויזענט דאלער ווערד.

**שואל:** לאמיר אריבערגיין צו אן אנדערע שמועס, איך זע איר האט ארויסגעגעבן א ספר ווי איר שמועסט אויס דעם רבינ'ס סדר הלימוד, וויאזוי יעדער איד קען זוכה זיין צו לערנען, אפשר פארציילט איר עפעס מער פון דעם?

**ר' שלמה:** יא, אין די יארן וואס איך בין אין ברסלב האב איך געזען אז מען רעדט פון זייער אסאך ענינים וואס דער רבי האט געוואלט, ווי למשל מען רעדט פון התבודדות, חצות, ותיקין, און אזוי ווייטער, אבער פון סדר דרך הלימוד רעדט מען נישט, עס איז אזוי אפגעמאכט אז דאס איז מוהרא"ש'ס זאך, דאס האט מיר געבאדערט, און דאס האט מיר געמאכט טראכטן ארויסצוגעבן א ספר און אויסשמועסן קלאר אז די תורה איז געמאכט פאר יעדן, איך האב דאס אזוי אויסגעשטעלט אז סיי די גאס זאל דאס קענען פארשטיין און וויסן אז די תורה איז פאר זיי, און אויך פאר די ברסלב'ע אז זיי זאלן וויסן אז דער רבי האט א שיינעם וועג צו לערנען.

צום שלוס וויל איך אייך פארציילן איין אינטערסאנטע מעשה וואס ברענגט ארויס די מהפיכה וואס מוהרא"ש האט געמאכט אויף דער וועלט, מענטשן גלייבן נישט אז אלע האבן חיות פון די ספרים וואס מוהרא"ש האט געשריבן, וועל איך אייך פארציילן איין מעשה וואס דאס ברענגט ארויס ווי ווייט אלע האבן חיות פון די הייליגע ספרים.

א געוויסער אינגערמאן האט מיטגעמאכט זייער א שווערע פרשה אין שטוב לא עלינו, ער האט געדארפט אסאך התחזקות, איז ער אריבערגעגאנגען צו א גרויסע משפיע אין ברסלב וואס וואוינט אין ארץ ישראל און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ אלעס וואס ער גייט אדורך, דער משפיע הערט אים אויס און דערנאך עפענט ער אויף דעם לעדל און נעמט ארויס פון דארט א ספר "אשר בנחל" און געט אים דאס אהין, און זאגט אים "נעמט דאס לערן עס אדורך וועסטו האבן התחזקות", דער איד קוקט אן דעם משפיע און וואונדערט זיך אויב ער זעהט גוט וואס דא פאסירט יעצט פאר זיינע אויגן, דער משפיע וואס אין די גאס הייסט עס אז ער איז אנטקעגן, און דא גאר געט איר אים אהין א ספר פון מוהרא"ש.

די משפיע זעהט וויאזוי דער אינגערמאן וואונדערט זיך אזוי, הייבט ער זיך אויף פון פלאץ און גייט צו צום שאנק און עפענט אויף און ווייזט אים "דא האב איך א גאנצע סעט פון "אשר בנחל" איך לערן דאס אויך ווען איך דארף חיזוק". איך מיין ווערטער זענען איבעריג.

**שואל:** מיר וואלט נאך געוואלט הערן פון אייך וועגן די נסיעות קיין אומאן וואס איר זענט געפארן אינטער די נאז פון קאמוניזם אבער דאס וועט שוין זיין אין א קומענדיגן געלעגענהייט אם ירצה השם ווייל איך זעה איר האט שוין נישט צופיל צייט יעצט, ווייל איר דארפט גיין שלאפן צו קענען אויפשטיין לערנען אייערע שיעורים כסדרן.

**עוד חזון למועד אם ירצה השם.**





**VERY CONVENIENT!**
the same entrance as moonwalk shoes

# מעגל ספרים ותשמישי קדושה

**5225 Main St.**
**South Fallsburg**
**845.538.5564**

Email:
Maagelsj@gmail.com

עס איז גוט צו רופן פאר מען קומט

# MA'AGEL SEFORIM & JUDAICA

**זייער באקוועם!**
די זעלבע אריינגאנג
ווי די שיך געשעפט
**moonwalk shoes**

NOW FULLY RESTOCKED
WITH LAST YEAR
HIGH QUALITY BRANDS SHOES
**FOR JUST $39.99-$49.99**
**PREVIEWS YEARS**
**FOR ONLY $19.99**

# ALL UNDER ONE ROOF

*We carry*

- Blublanc
- Orkideas
- Luccini
- Venettiini
- Boutaccelli
- Maria Catalan
- Beberlis
- Naturino
- And More

**shoes MOONwalk**

**IN THE SAME STORE WITH MAAGELS JUDAICA**

**5225 Main St. South Fallsburg**
**845.324.5999**

**ACROSS FROM GOMBOS BAKERY**

Hours: Sun. to Thurs. 11-6 • Fri. 11 to 1
**Better to call before you come**

All Yom Tov Items

READING MATERIAL FOR ALL AGES

KIPAS, TZITZES, ALEF BINAH

GREAT SELECTION OF TOYS

**שווימען און גיין צו**
**טריפס קען מען**
**נישט אייביג**

**אבער ליינען**
**שפילען**
**פאזעלס קען**
**מען יא**

**עס איז נאך**
**געבליבן א**
**קליין מספר פון**
**דעם**
**איפגעכאפטע**
**באוויסטע**
**לוח דבר בעתו**
**תשפ״ג**

עס איז דא א אפציע צו מאכן
דעליווערי קיין קרית יואל

בראשית
חומש

א געשמאק
איינצוקומען
גוטע סערוויס

גרויסע
אויסוואל
פון לייען
מאטריאל

גרויסע אויסוואל
פון יום טוב
אייטעמס

קאפלעך
ציצית
אלף בינה

ביטע אויב מעגליך צו מודיע זיין וואס מען גייט לערנען
please if possible to let us know what you going to learn this coming year



# "מעשיות פון תפילה"

## אברהם צוויבל - קרית ברסלב:

איך בין געווען אויפן וועג צו גיין הפצה, אינמיטן וועג זע איך אז די קאר איז שוין ליידיג פון געז, איך האב נישט געהאט קיין דזשי-פי-עס, און איך האב נישט געוויסט וואו איז די נאנסטע גאז סטאנציע, ביז איך האב גערופן איינעם פרעגן וואו די נאנסטע געז סאנציע איז, האט ער מיר געזאגט אז ס'איז אפאר מייל פון דארט וואו איך בין געווען, און ס'האט נישט אויסגעקוקט ווי איך גיי עס קענען מאכן ביז דארט.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן, איינמאל און נאכאמאל: "באשעפער, מאך א נס איך זאל נאך קענען ציען ביז די נאנסטע גאז סטאנציע, איך זאל נישט ווערן סטאק דא אינמיטן וועג", אזוי האב איך געבעטן דעם אייבערשטן די גאנצע צייט, ביז שכח אייבערשטער, דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, אפילו ס'איז געווען ממש ליידיג האב איך נאך געקענט אניאגן ביז די גאז סטאנציע און קויפן געז.

שכח אייבערשטער אז איך ווייס פון די עצה פון דיך בעטן יעדע זאך.

## משה עקשטיין - קרית ברסלב:

מיין בעבי פלעגט אלץ אויפשטיין אינמיטן די נאכט און וויינען, איך האב נישט געקענט שלאפן, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל דורך שלאפן די גאנצע נאכט אן אויפשטיין אינמיטן און וויינען, און שכח אייבערשטער אז לעצטנס שלאפט זי דורך די גאנצע נאכט אן זיך אויפוועקן אינמיטן די נאכט.

ווער נאך ס'האט די פראבלעם אז די בעבי שטייט אויף אינמיטן די נאכט און וויינט זאל וויסן אז ס'איז דא אן עצה, מ'קען בעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער העלפט.

אויב מ'בעט דעם אייבערשטן איז טאקע נישט אמת וואס מ'טראכט אז די קינדער לאזן נישט שלאפן ביינאכט...

## אברהם וועבערמאן - בית שמש:

איך בין זיך זייער מחי' יעדע וואך עקסטער פון די בלעטל, ס'איז ממש מורא'דיג.

שוין זייער לאנג וואס איך ארבעט פאר איינעם, מיר האבן געהאט אפגעשמועסט אז ער וועט מיר באצאלן יעדע סוף חודש, אזוי איז טאקע געווען פאר די ערשטע צוויי חדשים, אבער שפעטער האט ער מיר יעדעס מאל אפגעשטופט, ער האט מיר נישט אויפגעהויבן קיין טעלעפאן, ווען איך האב אים געקאלט פון אן אנדערן נומער האט ער מיר געזאגט יעדעס מאל אז ביז שבת וועט זיין די געלט, אזוי האט ער מיר געצויגן א האלבע יאר, ביז איך האב אפגעלאזט דער ארבעט.

ווען איך האב אים פארגעשלאג אז ער קען מיר עס צאלן צוביסלעך יעדע חודש אזוי וועט אים זיין גרינגער, האט ער זיך ארויסגעדרייט, איך האב די גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל צוריקבאקומען מיין געלט, אויך ווען איך בין געווען אביסל געדרוקט און איך האב געדארפט האבן די געלט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן. אזוי האט זיך עס געצויגן ביז א וואך פאר ראש השנה ווען זיין סעקרעטאר רופט מיך אן און זאגט מיר אז זיין באלעבאס וויל נישט האבן קפידות פון מיר ראש השנה, און ער שיקט מיר יעצט א טשעק פון די גאנצע געלט אויף איינמאל!

דער אייבערשטער האט מיר עס געגעבן פונקט אין די ריכטיגע צייט ווען איך האב געדארפט האבן געלט צו פארן צום רבי'ן. שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י״א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב, אַסַאךְ תַּלְמִידִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט בַּיי דִי מִשְׁפָּחוֹת. דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי גֶעסְט בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.

מוֹצָאֵי יוֹם הַקָּדוֹשׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען טָרוּד מִיט אַ שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר - אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, מִיט אַ מֵיידְל - אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא; אִיךְ בִּין הֶערְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה פַארְטָאגְס, נָאךְ פִיר אַזֵייגֶער. הַיינְט אַגַאנְצְן טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ שַׁיָּיךְ זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוְון אוּן דָאס אָפְּדְרוּקְן נָאךְ בֶּעפָאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל זַיין גְרֵייט בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי; אִיךְ וִויל דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן דָאס אַהֵיים טְרָאגְן אַז דִי וַוייבֶּער זָאלְן דָאס לֵיינֶען. אַנְשְׁטָאט לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען וָואס פַארְ׳טַמְ׳עֶן דֶעם קָאפּ זָאל מֶען לֵיינֶען חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; דָאס אִיז בַּיי מִיר דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, דוּ זָאלְסְט צוּשְׁטֶעלְן לֵיינֶען עֶרְלִיכֶע זַאכְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

צוּבִּיסְלִיךְ הֶער אִיךְ צוּרִיק פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין דִי קְהִילָּה אַז זֵיי נֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין אִין שְׁטוּבּ; אַנְשְׁטָאט דִי צֵייטוּנְג לֵיינְט מֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן שִׂיחוֹת, אוּן בְּעִיקָר נֶעמְט מֶען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים וְכוּ׳.

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט״א



## הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן

**אִין אַ שְׁמוּעס וֶועגְן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** מִיר זֶענֶען יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת זָאלְן עֶס אוֹיסְפִירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אִינְגֶעלַייט שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען, אֵיינֶער הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אַ צְוֵויטֶער הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם. דִי וָואךְ אִיז אַ קְלֵיינֶע סֶדְרָה, פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ. קוּקְט וִוי אַסַאךְ חִיזוּק מֶען דַארְף נָאךְ הָאבְּן אַז מֶען זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וֶוען דָאס אִיז שׁוֹין מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן?!

### יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט הֲפָצָה...

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ קוּם פוּן גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן הוּנְדֶערְטֶער אֵיינִיקְלֶעךְ - מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע פוּן זֵיי פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט זַיין וִוי זֵיי, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע הַפָּצוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט הֲפָצָה, אֵיינֶער קְלֶעבְּט צֶעטְלֶעךְ קֶעגְן דָאס, אֵיינֶער קְלֶעבְּט צֶעטְלֶעךְ קֶעגְן יֶענְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ קוּנְטְרֵס וָואס לֶערְנְט אוֹיס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### לֶערְנֶען אִין בְּרֶסְלֶב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר גֵיין קַיין אוּמַאן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ׳דֶער מְלַמֵּד וֶועט גָארְנִישְׁט זָאגְן, אָבֶּער וָואס וֶועלְן מַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן...?׳ זֵיי לֶערְנֶען דָא אִין בְּרֶסְלֶב, וואוּ דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק



### מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ צַדִּיק

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה'לֶע מִקֶרֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַלְס קִינְד גֶעוָואָרְן אַ יָתוֹם, זַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ אַלֵיין אִים אוֹיפְצוּהָאדֶעווֶען, הָאט זִי אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב בַּעַל 'אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאדִינֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זַיין הוֹיז בָּחוּר.

זַיין מַאמֶע אִיז דָאס גֶעוָואר גֶעוָוארְן, אִיז זִי אֵיינְמָאל גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב: אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן מַיין זוּהְן פַאר אַייךְ כְּדֵי עֶר זָאל לֶערְנֶען, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז עֶר פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ פָּארֶען, עֶר טְרָאגְט אַרַיין אוּן אַרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער לִיסְקֶער רָב הָאט גֶעשְׁוִויגְן אוּן אִיר גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "זֶה הַקָּטָן גָּדוֹל יִהְיֶה"! אוּן דֶער יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס בַּאדִינְט אִים אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ צוּ יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט נָאךְ וַואקְסְן זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּאוִויסְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימֶענָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן מְנַחֵם מֶענְדְל מְרִימֶענָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'הֶערְשׁ מְשָׁרֵת' אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס וִוי בַּאקַאנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין טַאטֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [אֲבַ"ד טָאקֵיי זצוק"ל], אַז אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה [עֶר הָאט נָאךְ דֶעמָאלְס נִישְׁט גֶעהַאט אַ אֵייגֶענֶע מִקְוֶה, פְלֶעגְט עֶר גֵיין אִין דִי מִקְוֶה פוּן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אַקֶעגְן אִיבֶּער זַיין הוֹיז, וָואס דָארְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען נֶחְמָץ'דִיגֶע אִידְן], הָאט אִים אֵיינֶער נָאכְגֶעשְׁרִיגְן: "דוּ פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל"! אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט קוּקְן וֶוער דָאס אִיז, הָאט עֶר אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהְן, פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין דָארְט אִין מִקְוֶה.

בַּיי אֱלִישָׁע וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַבֵּל צוּ זַיין 'פִּי שְׁנַיִם' דָאפֶּעלְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סו), אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אִים מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי אַחְאָב הָאט נָאכְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אֵלִיָהוּ הַנָבִיא: "דוּ עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל"! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּגֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אֵלִיָהוּ הַנָבִיא גֵייט דוּרְךְ, דָאךְ אָבֶּער הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען. אוּן דָאס הָאט אֱלִישָׁע גֶעזֶעהְן בַּיי אֵלִיָהוּ אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיינֶער אַלֵיין וַוייל יֶעדֶער הָאט גֶעדִינְט דֶעם 'בַּעַל', הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, נָאר גֶעשְׁרִיגְן: דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה! עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר אִים דַארְף מֶען דִינֶען!

(קונטרס "לאז נישט נאך")



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנסגֶעשִׁיכְטֶע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ד -

**פארזעצונג פון פריער:** אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין טָאכְטֶער אָדְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְטְן דֶעם אִינְגְל שִׂמְחָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער, "דָאס קִינְד גֶעפֶעלְט מִיר". אָדְל הָאט נָאךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיר טַאטֶע מֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, זִי הָאט אָבֶער אַרֵיינְגֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען. וֶוען דֶער אִינְגְל שִׂמְחָה אִיז אַלְט גֶעוָוארְן צֶען יָאר, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן אִין הוֹיז פוּן מָרַת אָדְל.

***

וֶוען דֶער אִינְגְל שִׂמְחָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּר מִצְוָה, אוּן אוֹיךְ אִיר טָאכְטֶער פֵיגָא אִיז גֶעוָוארְן אִין דִי יָארְן, הָאט זִיךְ דִי צַדֶיקֶת מָרַת אָדְל זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין אִיר טַאטֶע'ס וֶוערְטֶער, "דָאס קִינְד גֶעפֶעלְט מִיר", אוּן זִי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיר הֵיילִיגֶער טַאטֶע הָאט זִיכֶער גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן מִיט דֶעם אַז זִי זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם קִינְד, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער שִׁידוּךְ טַאקֶע גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן, אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵיגָא פְלֶעגְט אַסַאךְ גֵיין צוּם צִיוּן פוּן אִיר הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אוּן אַיינְרֵייסְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, אוּן זִי הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן יִשְׂרָאֵל, נָאכְ'ן גְרוֹיסְן זֵיידְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.



מוהרא"ש ז"ע אין בית המדרש פון הייליגן בעל שם

אֵיינְמָאל וֶוען דָאס קִינְד יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין, אִיז עֶר זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּגֵיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דִי מַאמֶע מָרַת פֵיגָא הָאט אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעלָאפְן מִיט אִים צוּם צִיוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן זִי הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, "זֵיידֶע זֵיידֶע, עֶר אִיז דָאךְ מַיין אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן דָא גֵייט עֶר אוֹיס, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים! מַאךְ אִים לֶעבְּן!" [סְ'אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֶעבְּט דֶעמָאלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן]. זִי הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט אוּן דֶערְנָאךְ אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָארְט בַּיים צִיוּן, אוּן זִי אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אַז דָאס קִינְד וֶועט זִיכֶער גֶעזוּנְט וֶוערְן אִין זְכוּת פוּן אִיר גְרוֹיסְן זֵיידְן.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דָאס קִינְד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעסֶער צוּ וֶוערְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען. מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט אַ קִינְד וֵויינֶען בַּיים צִיוּן זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אִים נֶעמֶען, אוּן הָאבְּן אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיין מַאמֶע.

בַּיינַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ מָרַת פֵיגָא אוּן זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט, "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אוֹיפְזוּכְן דִי נְשָׁמָה פוּן דַיין זוּן צְוִוישְׁן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת!"

פוּן דַאן אָן הָאט זִיךְ זַיין פָּנִים זֵייעֶר גֶעטוֹישְׁט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פָּנִים פוּן טוֹיטְן מֶענְטְשׁ, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן צִיטֶערְן פוּן אִים וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, מְ'פְלֶעגְט אִים רוּפְן "ר' יִשְׂרָאֵל דֶער טוֹיטֶער", אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶעבְּט צוּ לַאנְג.

דֶערְנָאךְ הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער אוּן אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פֶּערְל, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר לַאנְג, אִיר עֶרְשְׁטֶער מַאן אִיז גֶעוֶוען ר' צְבִי פוּן טְשֶׁערִין זַ"ל, וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז זִי גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר' פִּנְחָס מֵאִיר זַ"ל, אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן פַאר אִיר. [וֶוען רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יָאר תקפ"ב, הָאט אִיר נָאךְ גֶעטְרָאפְן דָארְט].

דֶערְנָאךְ הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אִיר צְוֵוייטֶער זוּן אוּן אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן יְחִיאֵל נָאךְ אִיר טַאטֶע, דֶער מַאן פוּן דִי צַדֶיקֶת מָרַת אָדְל.

אִיר מַאן רֶבִּי שִׂמְחָה זַ"ל אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער אוּן בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת, עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים לַאנְגֶע טֶעג וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּכְלַל וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים, עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי וֶועלְט פוּן גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן פְּרִישׁוּת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"**

## די היסטאריע פון

# קרית ברסלב

## חלק ב'



תלמוד תורה אין שטעטל ווינטער תש"פ

מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א פאורציילט

**אריינפיר**

היינט צוטאגס איז קרית ברסלב שוין ברייט באקאנט אלץ א מקום תורה, ווי עס ווירבלען כסדר מנינים שחרית, מנחה און מעריב, א פלאץ ווי מען ציעט אויף ערליכע אידישע דורות, א פלאץ וואס פארשפרייט ליכטיגקייט אויף די גאנצע וועלט, עס איז טאקע א קליין שטעטעלע, און איז קוים געגרינדעט געווארן, מיט דעם אלעם טוט דער פלאץ אזויפיל ביישטייערן פאר די וועלט.

היינט צוטאגס - וואס מיר האלטן קנאפע דריי יאר זינט די ערשטע תושבים האבן זיך אריינגעצויגן - ציילט זיך שוין די צאל איינוואוינער פון קרית ברסלב צו איבער הונדערט משפחות, ווען יעדע פארבייגייענדע טאג האלטן אין איין צוקומען נאך און נאך משפחות.

אבער קרית ברסלב האט זיך אנגעהויבן אויף א קליין באשיידן פארנעם, אן קיין פירסום, אן קיין גרויסגייציגע פלענער, אן קיין דעקונג און אדווערטייזמענטס, און אן קיין הילף פון עשירים נגידים און נדיבי עם.

דאס קליין שטעטעלע וואס געפינט ביים עק פון די טאון און ליבערטי, נאנט צו די גרעניצן פון פאלסבורג פון איין זייט און גרעניצט זיך פון די אנדערע זייט מיט די טאון און טאמפסאן, איז אויסגעשטיגן אלס אן עיר ואם בישראל, אין א רעלאטיוו קורצע צייט, מיט די אייזענע רצונות פון מענטשן וואס האבן נישט די מעגליכקייטן וואס עשירים האבן, אבער האבן די ריכטיגע קוואליפיקאציעס צו קענען בויען א שטאט, וואס דאס איז אמונה, תפילה, אמונת צדיקים, און פעלזן פעסטע אומבויגזאמקייט צו טון וואס איז ריכטיג אין די אויגן פון אייבערשטן.

***

לאמיר אריינבליקן אין דעם אטעם פארכאפענדע געשיכטע פון די התייסדות פונעם שטעטל קרית ברסלב, באמת האבן מיר שוין געדעקט א שיין חלק פון די היסטאריע פונעם שטעטל, אין די בלעטל וואס איז ערשינען שבועות, די שמועס וואס מיר האבן געהאט דעמאלט איבער דאס וואונדערליכע השגחה ווי דער אייבערשטער האט אונז צוגעפירט צו דאס וואס מיר זעען היינט מיט די אויגן א הערליכע ברסלב'ע שטעטל, ברוך השם אז עס איז מורא'דיג שיין באגריסט געווארן דורך די ליינער, אבער מיר האבן געלאזט אסאך זאכן וואס מיר האבן נישט געהאט קיין צייט צו רעדן דערפון, מיר האפן מיטן אייבערשטנ'ס הילף ממשיך צו זיין פון ווי מיר האבן געענדיגט די פאריגע שמועס, און האפנטליך וועט ארויסקומען גאר שיינע זאכן.

מיר וועלן ווייטער גיין אויף די וועג ווי מיר האבן אנגעהויבן, מיר האבן ארויפגעברענגט גאר א רייכע אינטערוויו, וואס איז געווען צווישן דעם מנהל ר' אברהם משה שטראססער מיט זיין חבר ר' שמעון נ"י וואס האט אים אלס א דרויסענדיגער אויסגעפרעגט, היינט וועלן מיר בעזרת השם ממשיך זיין און אריבער ברענגען ר' אברהם משה מיט ר' שמעון צום טיש, ווי עס וועט בעזר השם אויפגעוויקלט ווערן א רייכע היסטאריע וואס עס האט זיך געטון אונטער די קוליסן שוין א שיינע פאר יאר איידער מען האט געבויעט דעם שטעטל, דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל נתקדש ווערן שם שמים על ידינו. מיר געבן איבער דאס ווארט פאר'ן חשובן מנהל ר' אברהם משה שטראססער שליט"א.

***

שלום עליכם ר' שמעון, דער עולם האט זיך שוין געבענקט נאך די המשך פונעם אינטערוויו וועגן די שטעטל, וואס מיר האבן אנגעהויבן צווישן פסח און שבועות.

**איך האב אויף געווארט, איך האב נישט געוויסט ווי שיין עס וועט אויסקומען, איך האב נישט געוויסט צו עס וועט טאקע צום סוף עפעס ווערן דערפון, איך האב באקומען די קרית ברסלב בלעטל פון שבועות עס איז**



די פארקער אין פארנט פונעם ערשטן שול אין שטעטל ווינטער תש"פ

**געווען הערליך, איך האב געטראכט א שאד אז מיר זענען נישט אדורך אביסל מער.**

נו! מען קען דאך נישט אלעס ארויסגעבן אויף איינמאל, מען מוז דאך לאזן דעם עולם אביסל דורשטן אז עס זאל זיין אינטערעסאנט.

**אמת, אמת.**

איך געדענק שוין נישט וואס מיר האבן נישט גערעדט, אבער דו האסט געהאט א גאנצע טוץ מיט



די קינדער קומען אין חדר די ערשטע יאר שנת תש"פ

**מען האט אויפגעברענגט אזא געדאנק פון א שטעטל, אבער די שמועס האט מער אויסגעקוקט ווי א זיסער חלום, דער ראש ישיבה האט שוין באוויזן א סאך שיינע דורכברוכן, אבער א שטעטל האט דעמאלט אויסגעזען גאר ווייט פון די ווירקליכקייט.**



ערשטע מיטונג ביים ראש ישיבה אין אפיס שנת תשע"ה

אומגעענטפערטע שאלות אפשר הייב מיר אן מיט די שאלות?

אדרבה, איך געדענק שוין אויך נישט ווי מיר זענען שטיין געבליבן, אבער ווען דו האסט מיך גערופן פאריגע וואך אז דו ווילסט גיין ווייטער האב איך איבערגעקוקט די שבועות בלעטל צו זען ווי מיר האבן דעמאלט פארענדיגט, איך האב פארנט פון מיר די שבועות בלעטל, איך זע די שאלות מיט וואס מיר האבן געענדיגט.

דער אמת איז אז מען קען נישט נאכיאגן די ברסלב'ע, ברוך השם אז מען האלט שוין ביי א נעקסטע שטעטל, מען וועט זיך דארפן צוויילן צו דעקן די גרינדונג פונעם ערשטן שטעטל אזוי אז מען זאל נאך אנקומען צו דעקן די צווייטע פאר מען עפענט א דריטע...

**פשי.. נאך א שטעטל? וואו? וואס איז נישט גוט מיט די ערשטע? ווי האלט מען שוין דארט? מען קויפט שוין? מען בויעט שוין?**

איך האב עס נאר אריינגעווארפן, מיר וועלן אפשר דא דארט דעקן דעם נייעם שטעטל, אבער מיר האבן דאך נאכנישט געענטפערט אלע שאלות פון די ערשטע אינטערוויו.

פיין, איך הער, אבער איך וויל די ערשטע זאך קודם פרעגן א שאלה און נאכדעם צוגיין צו די אנדערע שאלות. פאריגע מאל ווען מיר האבן גערעדט האסטו געזאגט וועגן א פלאן וואס איז צושטאנד געקומען ארום פסח צייט תשע"ז, נאכדעם וואס א פריערדיגע פלאן - וואס מען האט אנגעהויבן אזוי פרי ווי אינמיטן ווינטער תשע"ו - איז דורכגעפאלן.



סיום 202 משניות אין היכל הקודש בלאמינגראוו פונעם גבאי ר' בערל לעווי ה"ו

**דעמאלט האב איך דיר געפרעגט וואס איז געווען די ערשטע פלאן וואס עס איז דורכגעפאלן אין תשע"ו האסטו מיר געזאגט אז עס פארלאנגט זיך אן אריכות, אפשר קען מען יעצט רעדן דערוועגן, און דערנאך גיין צו די ווייטערדיגע שאלות?**

איך וועל בעזרת השם צוקומען צו דעם אויך, אבער עס גייט נאך א שטאפל צוריק, צו תשע"ה, מיר האבן בכלל קיינמאל נישט גע'חלומ'ט פון אזא זאך ווי בויען א אייגענע שטעטל, עס איז געווען עפעס א זאך וואס איז בכלל נישט געקומען אויפן געדאנק, מיר האבן זיך געפריידט אז מיר האבן א ישיבה, א תלמוד תורה, מיר האבן זיך געפריידט אז מיר גייען פאר אכט ניין וואכן א יאר ארויס אין די מאונטענס, אבער א שטעטל איז בכלל נישט געקומען אין באטראכט, הגם עס איז געווען דא דארט אינגעלייט וואס האבן אויפגעברענגט אזא געדאנק, אבער עס איז נישט געווען אויף למעשה גארנישט.

**וועלכע אינגעלייט האבן גערעדט פון א שטעטל, עסקנים? אדער סתם מען האט געשמועסט דערפון?**

עס איז געווען אנהייב זומער תשע"ה ממש אפאר חדשים נאך מוהרא"ש זי"ע איז נפטר געווארן, זענען אפאר אינגעלייט - נישט דווקא עסקנים - פון די ערשטע דור אינגעלייט וואס האבן געלערנט אין ישיבה, אריינגעקומען אין אפיס צו דער ראש ישיבה, זיי זענען ברוך השם געווארן עלטערן פון קינדער געבענטשטע משפחות, די קליינע ד' על ד' פורנישד דירה זענען שוין געווען אויסגעוואקסן זיי האבן געמוזט זוכן גרעסערע דירות, אבער פארשטייט זיך מיט דעם קומט מיט די הויכע רענט פרייזן פון דירות אין שטאט, בנוסף צו די גאר ענגע דירות, דעמאלט איז געקומען ר' יעקב לעסער הי"ו, ר' אשר בער אינדארסקי הי"ו, ר' מנחם שטיינבערג הי"ו איז אויך דארט געווען אין אפיס, מען איז געקומען צום ראש ישיבה שליט"א פרעגן וואס מען קען טון צו לייזן דעם פראבלעם, מען האט אויפגעברענגט אזא געדאנק פון א שטעטל, אבער די שמועס האט מער אויסגעקוקט ווי א זיסער חלום, דער ראש ישיבה האט שוין באוויזן א סאך שיינע דורכברוכן, אבער א שטעטל האט דעמאלט אויסגעזען גאר ווייט פון די ווירקליכקייט.

**די צייט וואס מען האט נאכנישט געטראכט פון א שטעטל, זענען געווען פלענער סתם צו גיין צו אנדערע געגענטער ארויס פון וויליאמסבורג, וואס האבן זיך געבויעט יענע תקופה?**

יא! עס זענען געווען אינגעלייט וואס זענען געגאנגען קיין דזשערסי סיטי, דער ראש ישיבה האט עס אפילו אין א געוויסע זין געשטופט, פארוואס זאלן אינגעלייט נישט האבן גרעסערע דירות פאר ביליגערע פרייזן, אויך איז עס נישט ווייט פון שטאט, און מען קען פארן יעדן טאג צו די מוסדות אין וויליאמסבורג, עס פלעגט טאקע פארן א ווען יעדן טאג פון דזשערסי סיטי, דעמאלטס האט דער ראש ישיבה געהאלטן אז עס איז א גוטע זאך זיך צו פרובירן איינגלידערן אין נייע געגענטער, מיר האבן געהאט תלמידים אין קרית יואל, און איך וועל דיר זאגן נייעס, די ערשטע וואס האבן זיך ארויסגעריקט קיין בלומינגראוו זענען געווען אונזערע תלמידים, א קבוצה פון בערך צען אינגעלייט האבן געוואוינט אין בלאמינגראוו א שטיק צייט, אויך האבן מיר געהאט איינע פון די תלמידים און



בית המדרש היכל הקודש בלאמינגראוו

בלומינגבורג, אבער אין די נייע געגענטער ארום די שטאט איז דער עיקר געווען דזשערסי סיטי, עס האבן זיך אריבערגעצויגן אפאר משפחות, מען האט געעפענט דארט א ברסלב'ע בית המדרש.

די אינגעלייט וואס האבן געוואוינט אין קרית יואל האבן זיך ארויסגעצויגן קיין בלאמינגראוו, און דארט געעפענט א בית המדרש.

**ווען האט מען שוין טאקע אנגעהויבן ערנסט רעדן דערוועגן? א זאך וואס מען קען זאגן: דאס איז געווען די ערשטע קערל פון שטעטל וואס מען האט אייגעזייט?**

ווי געזאגט עס האט זיך נישט אנגעהויבן מיט פלאנירן פאר א שטעטל, די גדאנק פון גיין אייגן האט זיך אנגעהויבן מיט'ן טראכטן וועגן האבן א אייגענע קעמפ דאס איז כסדר געקומען צום אויבערפלאך, איך געדענק ווי איין יאר זומער ווען מיר האבן געדינגען די קעמפ אין פערענדעיל, עס איז מער באקאנט מיט'ן נאמען ווי מען רופט עס צווישן אונז "ערנפעלד'ס קעמפ" (מיר האבן עס געדינגען פון הרה"ג ר' אנשיל ערנפעלד שליט"א) מיר זענען געווען אין יענעם קעמפ פיר זומער'ס, מיר האבן אריינגעקוקט אין דעם גדאנק אפצוקויפן דעם פלאץ, נישט ווייל עס איז געווען עפעס אזא מורא'דיגע פלאץ, נאר ווייסט דאך, אז מען איז אין א פלאץ אזויפיל יארן און מען ווייסט שוין די מעלות און די חסרונות פון א פלאץ איז פיל גרינגער צו האנדלען דערמיט.

יענעם זומער האט מוהרא"ש ז"ע אפגעשטאט א באזוך אין קעמפ, האבן מיר אויסגעשמועסט אלע פרטים מיט מוהרא"ש, ווי למשל פאר וויפיל זיי ווילן עס פארקויפן, וויפיל באנגעלאויס עס איז דא, מוהרא"ש האט זיך זייער אינטערעסירט און אויסגעפרעגט יעדן פרט, און מוהרא"ש האט אונז געזאגט אז ער האלט נישט מיר זאלן עס קויפן, נאר מיר זאלן ענדערש קויפן א ליידיגע שטח און עס צוביסלעך אויפבויען.

**איז אויסגעקומען צו פרעגן מוהרא"ש אמאל וועגן זיך מאכן א שטעטל?**

ניין! דער ראש ישיבה פלעגט באדויערן נאך מוהרא"ש'ס הסתלקות, דעם פאקט אז עס איז אים קיינמאל נישט אויסגעקומען צו פרעגן מוהרא"ש אויף דעם ענין, מיר האבן אליין געדארפט מתפלל זיין אוןווארטן ביז מיר וועלן באקומען א ענטפער פונעם אייבערשטן.

מיר האבן טאקע כסדר געבעטן דערויף, פון צייט צו צייט פלעג איך שפאצירן מיט'ן ראש ישיבה, מיר האבן געשמועסט און זיך צוזאמען מחזק געווען, דער ראש ישיבה האט מיר צענדליגער מאל געזאגט: "איך ווייס נישט וואו מיין פלאץ איז, יעצט זענען מיר טאקע אין וויליאמסבורג, אבער מיר דארפן דורכרעדן מיט'ן אייבערשטן אים פרעגן אויב דאס איז אונזער פלאץ און ווי מיר דארפן וואוינען, מוהרא"ש ז"ע פלעגט אסאך בעטן היות יעדער איד האט א חלק אין ארץ ישראל, פלעגט ער בעטן ער זאל וויסן וואו זיין חלק איז, ביז

ר' אברהם משה גייט אדורך מיט מוהרא"ש ז"ע אויב מען זאל קויפן ערנפעלד'ס קעמפ



דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מוהרא"ש איז אנגעקומען קיין יבנאל, דאס זעלבע האט דער ראש ישיבה מיר געזאגט אז ער בעט אויך אסאך דעם אייבערשטן זאל אים ווייזן וואו זיין פלאץ איז, וואו ער דארף אנקומען.

**איז אמאל געווען א קלער וועגן מאכן א שטעטל אין יבנאל? מען האט געטראכט פון זיך אריבערציען קיין יבנאל?**

ניין! ווי קען מען זיך אויפהייבן א גאנצע קהילה אין גיין קיין יבנאל, עס גייט זיך עפעס?

גראדע איז דא א בריוו אין עצתו אמונה איינער פרעגט דער ראש ישיבה פארוואס ער ציט זיך נישט אריבער קיין יבנאל, איך געדענק נישט יעצט אויפ'ן מינוט פונקטליך די ענטפער, אבער עס איז געווען מענטשן וואס האבן געטראגן דעם ראש ישיבה'ס דאגות פארוואס ער גייט נישט וואוינען קיין יבנאל... אבער פונעם ראש ישיבה'ס זייט איז נישט געווען קיין פלענער איבער גיין וואוינען אין יבנאל.

**לאמיר נישט ארומשלעפן מיט זייטיגע זאכן, דו זאגסט אז די גאנצע געדאנק פון מאכן א שטעטל האט זיך אנגעהויבן ווייל מען האט געזוכט א פלאץ פאר א קעמפ, עס דארף זיין גאר אינטערעסאנט ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען. ווען האט זיך עס אנגעפאנגען, ווער עס האט ארויפגעברענגט דעם געדאנק, און אזוי די גאנצע השגחה ווי אזוי עס איז צוגעקומען צו דעם אז מען זאל בויען.**

יא! עס איז געווען יאר תשע"ה ווען די געטרייע עסקנים שבתי מארקוס און אשר בער אינדארסקי, זיי האבן שוין געהאט גענומען אויף זיך די לאסט פון צאלן די רענט פון די בנין הישיבה, זיי האבן צוגעזען ווי מיר מוטשענען זיך יעדעס יאר מיט זוכן א קעמפ, האבן זיי גערעדט פון דעם געדאנק פון מאכן א קאמפיין צו קויפן א קעמפ, זיי האבן איבערגעשמוסט מיט'ן ראש ישיבה און זיי האבן זיך אריינגעווארפן אין די הייליגע ארבעט, צאמצונעמען געלט פון אנשי שלומינו, זיי האבן געמאכט א קאסע צו קויפן א שטח פאר'ן קעמפ, אזוי פיל איז געווארן אז מען האט אנגעפאנגען זיך אומקוקן אויף פלעצער וואס שטייען צו קויפן וואס קען זיין געאייגנט פאר א קעמפ פאר די בחורים.




א טאוועל פאר אלע וואס האבן געהאלפן מיט שיינע סכומים צו קויפן די שטח פאר א קעמפ

דו ווייסט דאך ווי אזוי זאכן גייען, איינמאל מען הייבט אן זוכן קען מען זוכן און זוכן, יעדע פלאץ האט זיך זיינע מעלות און חסרונות, מען איז כסדר געווען - ווי מען זאגט - אויף די אלערט, צו זען וואס עס קומט ארויף אויף די מארקעט, א פלאץ וואס קומט נאך די אלע משוגעת'ן פונעם



כפרות שלאגן די ערשטע יאר פונעם שטעטל



מען פארט אויף אומאן די ערשטע איינוואוינער אין שטעטל

טאון, אז עס זאל זיין לעגאל צו מאכן א קעמפ.

מען האט קאמפיינט פאר א קעמפ, עס איז טאקע נאכנישט געווען אזא גרויסע קהילה ווי יעצט, עס איז אבער אריינגעקומען א באדייטענע סכום פון די קעמפ קאמפיין, די געלט האט מען אוועק געלייגט אויף ביז מען וועט עפעס טרעפן, דא איז געווארן - מ'קען אפשר זאגן אומווילנדיג - איינגעפלאנצט דאס ערשטע קערנדל פון קרית ברסלב ליבערטי!

**אנטשולדיגט** אז איך האק אריין, אבער מען האט געזוכט דווקא אין ניו יארק, דווקא אין די קעסטקילס אדער מען איז געווען אפן פאר א געדאנק פון גיין ערגעץ אנדערש פון אפסטעיט ניו יארק?

לאמיך דיר זאגן דעם אמת, איך האלט טאקע אין איין זאגן אז 'קיינער' האט נישט גע'חלומ'ט פון א שטעטל, אבער עס איז נישט אינגאנצן אזוי, פאר איינעם האט געברענט אז מען מוז האבן א אייגענעם שטעטל, דאס איז ר' יואל הכהן ראזענבערג נ"י, איך קען זאגן אז האב שוין געהערט פון אים די ווערטער: 'אברהם משה מען דארף טראכטן פון בויען א אייגענעם שטעטל' אדער 'אן א שטעטל איז גארנישט דא' אזוי פרי ווי אין יאר תשס"ח... נאך איידער מען האט גע'חלומ'ט פון א ישיבה... דער ראש ישיבה איז נאך געווען מנהל אין א אנדערע ישיבה...

**וואוו! דאס איז גאר אינטערעסאנט, איך קען אים גראדע, ער האט געמאכט א דזשאב פאר מיר, ער האט אינסטאלירט עיר-קאנדישאנס אין מיינע אפיסעס, עס איז אינטערעסאנט, פארוואס האט אים אזוי געברענט א שטעטל, און בכלל איז זייער אינטערעסאנט מיט וועם האט ער געוואלט מאכן א שטעטל אין יאר תשס"ח?**

ר' יואל ראזענבערג איז א פלאם פייער, עס ברענט אין אים, ער האט

**א טאוועל פאר אלע וואס האבן געהאלפן מיט שיינע סכומים צו קויפן די שטח פאר א קעמפ**



א זעלטענע פייערדיגע אידיש הארץ, איך פלעג אסאך שמועסן מיט אים בשמך די אלע יארן וואס מיר זענען שוין געווען מקורב צום רבי'ן, ער האט נישט געקענט אויסהאלטן ווי אידישע קינדער מוטשענען זיך, מענטשן דרייען זיך ארום מיט פראבלעמען, מיט צרות, מענטשן זענען פארלוירן, יעדע שמועס איז געווען נאר איין איינציגע זאך, ווי אזוי קען מען העלפן אידישע קינדער, זיין גאנצע קאפ אין מח איז אלעמאל אז עס מוז זיין א וועג מען זאל קענען דעליווערן די עצות פון רבי'ן, די עצות וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט, און בעיקר די עצות וואס מיר באקומען היינט אויף יעדע הינזיכט אין לעבן פונעם ראש ישיבה שליט"א.

זיין קאפ און מח איז אויסגעשטעלט ווי קען מען ברענגען די זיסע עצות פאר ווי מער מענטשן, פשוט אז אידישע קינדער זאלן וויסן אז עס איז דא אן אדרעס פאר יעדע פראבלעם, די פשוט'ע עצה אז א איד קען עפענען זיין מויל און זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, אדער אז בחורים, אינגעלייט, ארבעטערס, עלטערע אידן, זאלן וויסן אז עס איז דא פאר זיי א וועג צו לערנען, אדער סתם זיסע עצות וואס זענען אזוי פשוט אין ברסלב, און מענטשן ווייסן נישט דערפון, עצות פאר חינוך, עצות פאר קדושה, עצות ווי אזוי אוועקצוהאלטן קינדער פון מסוכנ'דיגע מענטשן, דאס איז וואס עס ברענט אים, און ער האט טאקע באוויזן זייער אסאך זאכן אין די מוסד וואס קיינער, און טאקע קיינער האט נישט גע'חלומ'ט אז מען קען דאס באוויזן.

מען פלעגט לאכן פון זיינע געדאנקען, אבערביים סוף האט ער אלעמאל דעליווערט, איך געדענק ווען איך האב געארבעט אין סאטמאר'ע מיידל קעמפ אין קערהאנקסאן, יענע צייט איז היכל הקודש נאך גארנישט געווען, היכל הקודש איז געווען ווי א פוסטער מדבר, איין טאג זע איך א באקאנט פנים אין קעמפ, ר' יואל הכהן איז געקומען דארט אינעם קעמפ פארעכטן די עיר-קאנדישאנס, ער האט געארבעט פאר זיין טאטן ר' דוד, דארט אין יענעם קעמפ האט ער געארבעט פאר זיין פעטער ר' אביגדור, מיר האבן זיך געטראפן דארט, איך האב מיך געפרייט צו טרעפן איינעם פון אנשי שלומינו וואס מיר קענען רעדן אביסל אמת'ע ווערטער, דעמאלטס האט ער גערעדט צו מיר וועגן אליין דרוקן די ספרים, ער האט געהאט פערטיגע פלענער, ער האט גערעדט צו מיר פון א מאשין וואס ער האט שוין געוויסט אלע פרטים, ער האט מיר אויסגערעכנט וויפיל קאפיס עס קען מאכן אין איין מינוט, וויפיל עס קאסט די טינט, וויפיל עס קאסט




דער ראש ישיבה אין יבנאל בית המדרש, ביים ווייזן פאר די בחורים די ווערטער "ממלא כל עלמין"



די שטעטל קרית יואל פונדערהייך

די פאפיר, וויפיל די מאשין זעלבסט קאסט, ער האט געוויסט פונקטליך וויפיל געלט מען גייט זיך שפארן מיטן דרוקן אליין, אבער איך האב אים אנגעקוקט פון די לבנה... איך האב אים נאך דעמאלט נישט געקענט... וואס זאל איך דיר זאגן... אסאך וואסערן זענען אריבערגעפלאסן זינט דאן אינעם כנרת... און היינט איז דרוקן די ספרים א אימפעריע, 'קרן הדפסה היכל הקודש' איז נישט עפעס א קליין דרוקעריי, עס איז ממש א מלוכה פאר זיך, מיליאנען ספרים, קונטרסים, גליונות, ווערן דארט געדרוקט, די קרית ברסלב בלעטל וואלט נישט געקענט צושטאנד קומען אן דעם וואס מיר טוען אפערירן א אייגענע דרוקעריי, דאס איז נאר איין דוגמא פון א זאך וואס ער האט גערעדט דערפון, און עס איז געווען אזא ווייטע זאך, און היינט איז עס א א פאקט, עס איז חלק פון די מוסודות.

ר' יואל האט מיך כסדר איבערגעוויזן אז אן א שטעטל איז גארנישט דא, ער האט מיר אלעמאל געזאגט ווי שטארק מוהרא"ש זי"ע האט זיך מוסר נפש געווען צו בויען יבנאל עיר ברסלב אין ארץ ישראל, מיר האבן כסדר גערעדט פון די מעלות פון יבנאל, און פון די אנדערע זייט האב איך אלעמאל גע'טענה'ט מיט אים איבער די אנדערע זייט פון די מטבע, ווי מוהרא"ש האט זיך געמוטשעט טאג אין נאכט, ער האט געשפיגן בלוט יעדע מינוט מיט יבנאל.

איך האב אסאך מאל געהערט פון מוהרא"ש: "איך ווייס נישט וואס דער אייבערשטער האט געוואלט פון מיר מיט'ן מיך אריינלייגן אין יבנאל, אבער איינמאל איך בין שוין דארט וועל איך גיין ביז'ן סוף". פון איין זייט האט מוהרא"ש געקוועלט נחת פון זיין שטאט יבנאל עיר ברסלב אבער פון די אנדערע זייט איז מוהרא"ש ממש קראנק געווארן פון יבנאל, עס איז נישט געווען אזא זאך אז איך זאל האבן א שמועס מיט מוהרא"ש און עס זאל נישט אריינקומען צענדליגע טעלעפאן רופן פון יבנאל.

ר' יואל פלעגט צו מיר אויך זאגן וועגן קרית יואל ווי דער סאטמאר רבי זי"ע האט זייט זיין קומען קיין אמעריקע נישט אויפגעהערט צו רעדן און טראכטן פון בויען א שטעטל, סאטמאר רבי פלעגט זאגן: "אויב האב איך נישט קיין אייגן שטעטל האב איך נאך גארנישט געטון!" ער פלעגט טענה'ן מיט מיר אז אויב מען וויל האלטן די קינדער מיט די ריינע און לויטערע אמונה וויאזוי דער ראש ישיבה לערנט מיט

אונז מוז מען האבן א ווינקל ווי זיי אויפצוברענגען, אזוי ווי דער סאטמאר רבי האט למעשה דורכגעפירט און אויפגעבויעט א שטאט ווי אידן זענען אפגעשיידט פון ציוניזים, און דאס זעלבע ביי מוהרא"ש זי"ע וואס האט אויפגעשטעלט א שטעטל וואס זענען אפגעשיידט פון אלע טומאות דארט אין ארץ ישראל און זיי לעבן א לעבן צוגעקלעבט צום אייבערשטן, דאס זעלבע מוזן מיר האבן א בעיס ווי מיר זאלן קענען ערציען אונזערע קינדער מיט ריינע און לויטערע אמונה.

**זייער אינטערעסאנט, קודם זע איך אז דו - וואס דו ביסט דאך שוין דער ערשטער תושב דארט - האסט אויך נישט געהאלטן אין אנהייב אז מען זאל מאכן א שטעטל.**

אודאי נישט! וואס האט מיר געפעלט קאפ ווייי, און בכלל האב איך טאקע נישט משיג געווען די וויכטיגקייט פון א שטעטל, עס האט גענומען צייט ביז איך האב איינגעזען אז דאס איז א זאך וואס מען מוז האבן, און פארשטייט זיך דער אייבערשטער האט אונז געפירט דערצו, און ווי מער איך האב געזען ווי דער אייבערשטער שטופט אונז מען זאל מאכן א שטעטל, און איך האב געבעטן אסאך דעם אייבערשטן איך זאל וויסן צו איז עס טאקע א גוטע זאך, און צו איך זאל טאקע גיין, און דער אייבערשטער האט מיך געענפערט, איך האב מיך נישט געשטופט צו גיין עס איז געווען אלס תפילה, איך האב מיר ארויפגעזעצט אויף תפילה אזוי ווי איינער זעצט זיך ארויף אויף א טו"ב אין א וואסער און לאזט די וואסער אים פירן.

**דו זאגסט אז מען האט געבויעט א אייגענע בית הדפוס ווי מען דרוקט מיליאנען ספרים, גליונות, בלעטער און קונטרסים, און דאס איז געווען די געדאנק פון ר' יואל הכהן ראזענבערג נ"י, און חוץ פון דעם זענען געווען אסאך זאכן וואס ער האט אויפגעברענגט און עס איז געווארן, וואס נאך אינטערעסאנטע זאכן וואס עס האט אויסגעזען אומעגליך און צום סוף האט מען עס דורכגעפירט?**


סוכות תש"פ

איך וועל דיר זאגן, איך געדענק נישט אלעס, און איך גיי נישט אריינגיין אין יעדע פרט, אבער נאך א דוגמא איז די בנין אין אומאן, דעמאלטס איז געווען א עולם תלמידים, אבער נישט די סכום מענטשן וואס מען זעט היינט, עס איז געווען אזא ווייטע זאך אז מיר זאלן קויפן עפעס א אייגענעם באדן בכלל, נאכדערצו אין אומאן, די מוסדות האט נאך דאן נישט געהאט קיין שום אייגענע ריעל עסטעיט.


חנוכה תש"פ

יענע יארן איז דער עולם געווען צושפרייט און צוזייעט איבער אומאן, אבער ר' יואל האט זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן, מען האט געלאכט

פון אים, איך קען דיר נישט זאגן ווי אזוי מען האט געקוקט אויף אים, אבער ברוך השם ער האט נישט געקוקט אויף קיינעם, און היינט איז עס א פאקט, מען קען נישט טראכטן וואס עס וואלט געווען אן דעם אייגענעם בנין אין אומאן, אפגערעדט שוין אז דער ריזיגער בנין (אזוי האבן מיר געמיינט ווען מיר האבן עס געבויט) איז שוין אויסגעוואקסן, און מען קען זיך שוין נישט רירן דארט.

איינע פון זיינע חלומות איז געווען א שטעטל, יעדע שטיק צייט האט ר' יואל נאכאמאל אויפגעברענגט די געדאנק פון בויען א שטעטל, איך וועל דיר זאגן נאך מער, ביי אים אין מח האט שוין עקזיסטירט א שטעטל, דו דארפסט אים קענען, ער האט א טיפע וועג פון טראכטן, און אויספירן, ווען ער ברענגט ארויף א נושא, איז שוין דא אין זיין מח פערטיגע פלענער ווי אזוי עס וועט צושטאנד קומען, און ווי אזוי מען וועט אנקומען דערצו, און ווי אזוי מען וועט עס אויספירן אויף למעשה, ער ווארט נאר אז ער זאל באקומען די 'אקעי' פונעם ראש ישיבה, ער רוט נישט ביז ווילאנג ער פירט אויס ביזן סוף, דאס איז אויך מיט די יעצטיגע נייע שטעטל וואס דערוויל קאכט זיך עס נאך אינטער די קוליסן, דאס אויך א פראדוקט פון ר' יואל'ן. אבער מען קען מאכן א עקסטערע ספר פון זיינע זאכן, איך בין זיכער אז עס וועט נאך זיין איין טאג, גלייב מיר עס וועט זיך לוינען צו קויפן... דאס איז עפעס א חידוש וואס איז נאכנישט באשאפן געווארן, מען קען רעדן פון אסאך זאכן אבער איך וויל נישט פארקריכן, אפשר ברענגסטו מיך צוריק צו וואו מיר האבן געהאלטן.

**אההה! האסטו מיך געמאכט גוט נייגעריג, איך זע אז עס איז דא גאנצע בענדער וואס מען קען שרייבן איבער היכל הקודש, איך וועל מיך אבער האלטן צום ענין, מען האט געהאלטן אינמיטן רעדן אז מען האט געזוכט א פלאץ פאר א קעמפ אום יאר תשע"ה ע"ו.**

אה! יא! יעצט ווען מען האט אנגעהויבן רעדן פון זוכן עפעס פאר א קעמפ, האט ר' יואל זיך אריינגעווארפן אין דעם, ער איז געזיצן און אריינגעקוקט אין פלעצער וואס זענען דעמאלטס ארויפגעקומען אויפן מארקעט.

ווינטער תשע"ו איז ר' יואל געקומען צום ראש ישיבה אז ער האט געטראפן צוויי גוטע פארשלאגן, עס האט זיך געהאנדלט פון צוויי פלעצער וואס זענען געווען נישט אזוי טייער לפי ערך צו וואס מיר האבן זיך געקענט אינטערנעמען, איינס איז געווען אין וואטסבערי געגענט, נאנט צו בלומינגבורג, און די צווייטע איז געווען אין ליבערטי, דער ראש ישיבה האט געפרעגט וואס איז די חילוק פון די צוויי פראפערטיס, ר' יואל האט געזאגט אז ביידע זענען זייער גוט אבער אויב מען וויל טראכטן פון עווענטועל זיך ארויסציען און מאכן א שטעטל איז בעסער צו קוקן אויף וואטסבערי ווייל דאס איז נענטער צום שטאט, למעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען זאל ענדערש גיין מיט ליבערטי.



**מען גרייט צו דעם באדן אין אומאן צו בויען דעם היכל הקודש בנין אין יאר תשע"ז**

אנהייב זומער תשע"ו זענען מיר געגאנגען מיט'ן ראש ישיבה באקוקן די פלאץ אין ליבערטי, עס איז געווען א ליידיגע לאט אויף איסט מאנגאויפ ראוד, עס איז נישט געווען צופיל וואס צו זען אין א ליידיגע שטח, אבער עס האט אויסגעקוקט צו זיין א גוטע התחלה, עס איז געווען א ריזיגע שטח איבער זעכציג אקער לאנד! נישט קיין קליינער פלאץ, די שטח איז געווען איינגעשריבן ביי די שטאט אז מען קען בויען אויף דעם פלאץ א קעמפ.

במשך דעם זומער שנת תשע"ו, האבן מיר געהאנדלט אהין און צוריק וועגן די פרייז, און יענעם זומער זענען מיר אריין אין קאנטראקט, א חלק פון די שטח איז געווארן אויסגעצאלט פון די געלט וואס עס איז געשאפן געווארן פון די קאמפיין, עס איז נישט געווען גענוג אויף צו שליסן די מקח, אבער מיר זענען אריינגעטאנצן, די מוסד האט געגעבן א דיפאזיט ביים קלאויזן, און דער ראש ישיבה האט געשאפן דאס איבריגע געלט.

עס איז געווען א גוטע און א ביליגע פלאץ לפי ערך פאר דאס וואס מיר האבן געדארפט, אין די זאונינג געזעצן איז די פלאץ געווען איינגעשריבן אז מען קען בויען דארט א קעמפ, און עס איז נישט געווען ציפיל צו שפעקולירן.

יענעם זומער זענען מיר געגאנגען מיט א פארפאויזל צום טאון, מיט די פלענס, די פלענס האבן ערהאלטן באנגעלאוס, דארמיטאריס, א סווימינג פול, א גרויסע בית מדרש, א לאנטש רום, שפיל פלעצער, אפיסעס, עס איז געווען מייעסטעטישע בלו-פרינטס, מיר האבן געווארט אויף די אפראוועל פון די טאון.

די טאון האט פארלאנגט א הירינג, איבערצוגיין צו זיי קענען טאקע געבן פערמיטס צו מאכן א קעמפ, עס האט זיך געשלעפט, די טאון מיטינגען ווערן אפגעהאלטן נאר איין מאל א חודש, אזוי האט זיך עס געשלעפט יעדע חודש, מיר האבן געווארט אויף



ערשטע תפילה אין בית המדרש היכל הקודש אויף האשקי

די ענדגילטיגע ענטפער פונעם טאון, אבער זיי האבן אלעמאל צוגעלייגט נייע רעגולאציעס וואס מיר האבן געדארפט נאכקומען.

תשרי תשע"ז נאך די ימים טובים זענען מיר געגאנגען מיטן ראש ישיבה צו די נייע שטח, מיר האבן אריבערשפאצירט די גאנצע וואלד, און זיך אומגעקוקט אויף די מעגליכקייטן וואו און וואס מען קען פלאצירן די

קעמפ, עס איז געווען א פלאן ביי איין זייט די בחורים קעמפ ווי אויך א קאנטרי פאר משפחות און ביי די אנדערע עק אפאר מייל ארויף די מיידל קעמפ.

אינמיטן כסלו תשע"ז האבן מיר געקלאוזט, אבער מיר האבן נאכנישט געהאט קיין אפראוועל פון די טאון צו בויען א קעמפ, אזוי האט זיך עס געשלעפט ביז אנהייב ניסן.




ט"ו בשבט תש"פ אין שטעטל

דעמאלטס איז אויך געקומען מיט אונז דער סערוועיער, מיר האבן באקומען די באריכטן פון די סערוועי אויף די פראפערטי, ווי אויך די אינדזשענירונג איינצלהייטן, און מיר האבן כסדר אריינגעלייגט נאך געלט צו זיין גרייט אנצוהייבן בויען דעם קעמפ.

ניסן תשע"ז האט די טאון ארויסגעגעבן א מעמארענדום וואו זיי האבן בלאקירט צו בויען יעדע נייע טעמפערערי רעזידענטס, דאס הייסט סיי וועלכע הייזער וואס זענען נאר געבויעט פאר צייטווייליג, ווי זומער הייזער, קעמפס וכדומה, אטאמאטיש איז די פלאן פון אונזער קעמפ וואס פאלט אונטער די קאטעגאריע פון צייטווייליגע וואוינארט אוועקגעפאלן.

מיר האבן פרובירט מיט אונזער לויער צו אפעלירן די אפשטימונג, ער האט פארגעלייגט אונזער טענה אז די שטח איז דאך איינגעגעבן אז עס איז געאייגענט פאר א קעמפ, אבער צום סוף האט דער לויער אונז גע'עצה'ט אז עס קען זיך ציען גאר א לאנגע צייט, און אריינציען אין שווערע געלטער, אויך מען קען נישט וויסן צו מיר וועלן געווינען, און עס לוינט זיך נישט צו גיין ווייטער אפעלירן.

אזוי זענען מיר געבליבן מיט א גרויסע לאט, מיט חובות, אן קיין פערמיט, דעמאלט האט אויסגעזען ווי מיר האבן געהאט א דורכפאל, אבער ברוך השם מיר זענען נישט געווען פארלוירן, מיר זענען ווייטער געגאנגען צום אייבערשטן און געבעטן ער זאל אונז געבן א עצה

וואס מען טוט דא ווייטער.

**למעשה ווי אזוי איז געשען די וואונדער אז פון א שטח פאר א קעמפ פארוואנדלט אין א גאנצע דעוועלעפמענט א שטעטל א קריה.**

יעצט אז מיר האבן א שטעטל מיט איבער הונדערט משפחות, בתי מדרשים, מקוואות, א תלמוד תורה, א בית חינוך לבנות, מיט הונדערטער תלמידים ותלמידות, טראכט זיך גלייך אז מסתם אזוי ווי עס איז געווארן אויס מיטן קעמפ איז מען גלייך אריינגעשפרינגען אינעם געדאנק פון מאכן א שטעטל, אבער מיר הנהלה מיטגלידער, וואס מיר האבן געהאנדלט יאר יערליך מיט די באאמטע דא אין די געגענט, ווען מיר זענען ארויסגעקומען זומער, מיר האבן געוויסט איין זאך אז מען קען זען די גרינע גאל פאר מען באקומט א עפראוועל צו ריקן א שטיינדל.

מיט דעם אלעם איז יעצט אבער שוין געווען א פאקט, די מוסד האט שוין א אייגענע פראפערטי, א קעמפ קען מען נישט מאכן דארט, האט דאס שוין געברענגט איין טריט נענטער צו אנהייבן אריינקוקן אינעם געדאנק פון א שטעטל, ר' יואל הכהן ראזענבערג נ"י ווען ער האט אויסגעארבעט די אויסשטעל פון די פלענס אין אנהייב וואס האט געזאלט זיין פארן קעמפ, האט ער עס געמאכט אז עס זאל אויך קענען דינען ווי א פלאץ פאר א אנהייב פון א שטעטל, און אפילו נישט ממש א שטעטל, אבער עס זאל זיין א פלאץ ווי מען זאל קענען האבן זומער הייזער, ארויסצוקומען פארן זומער, און פאר ימים טובים, וכדומה.

מיר האבן געמאכט אסאך התבודדות יענעם חודש ניסן, דער ראש ישיבה האט געמאכט התבודדות, ער האט געפרעגט דעם אייבערשטן: "טוט זיך דא טאקע פארמירן א שטעטל? איז דאס טאקע דיין רצון? זאלן מיר גיין ווייטער דערמיט? וועט דאס מצליח זיין?"...

א קורצע צייט נאך פסח איז דער ראש ישיבה געקומען צו די קלארע החלטה "א שטעטל"! דעמאלט האט דער ראש ישיבה גערופן אונזער געטרייע הנהלה מיטגליד ר' שבתי מזרחי ער האט אים געפרעגט אויב ער וויל אינוועסטירן אינעם שטעטל... ווי מאדנע עס האט אויסגעזען, אבער אז דער ראש ישיבה האט געזאגט האט מען געוויסט אז דא גייט זיך בויען א שטעטל, ר' שבתי האט געטון באמת א געוואגטע זאך ווען ער האט אפגעקויפט די פלאץ אויף 181 האשקי, ווייל ווי מיר אלע ווייסן בויט זיך נישט קיין שטעטל אזוי ארויס פון ארבל, זיבן וואסערן דארפן דורכגיין, אבער ר' שבתי האט געפאלגט און ער האט אפגעקויפט די שטח דארט.

**פארוואס האט מען נישט אנגעהויבן די שטעטל מיט די ערשטע פראפערטי אויף איסט מאנגאפ וואס מען האט שוין געהאט געקויפט?**

דו פרעגסט גוט, אבער איך קען מיך נישט דערמאנען אויפן מינוט פארוואס עס האט נישט געקענט צושטאנד קומען אזא פלאן, עס קען זיין ווייל מיר האבן געוויסט אז די טאון האט שוין געהאט אזויפיל מיטינגען וועגן דעם פלאץ, ווי אויך אז די פלאץ איז געווען נכסים וואס האבן באלאנגט פארן מוסד, אבער ווי געזאגט עס זענען געווען אפאר סיבות פארוואס מיר זענען נישט געגאנגען ווייטער מיט יענעם פראפערטי אויף צו בויען

**מיר האבן געמאכט אסאך התבודדות יענעם חודש ניסן, דער ראש ישיבה האט געמאכט התבודדות, ער האט געפרעגט דעם אייבערשטן: "טוט זיך דא טאקע פארמירן א שטעטל? איז דאס טאקע דיין רצון? זאלן מיר גיין ווייטער דערמיט? וועט דאס מצליח זיין?"..**

דעם שטעטל.

עס איז אינטערעסאנט פשוט פאר די רעקארד צו וויסן אז די ערשטע מאל עס ווערט דערמאנט די שטעטל אין די בריוו פונעם ראש ישיבה אין ספר עצתו אמונה איז **מוצאי שבת פרשת במדבר, ב' סיון, תשע"ז**, די בריוו לייגט זיך ווי פאלגענד:

*אייער מאן זאגט מיר אז ער וויל זיין דער נחשון בן עמינדב ארויס צו גיין וואוינען אינעם שטעטל וואס מיר בויען יעצט אויף, דער אייבערשטער זאל ענק בענטשן אז איר זאלט זיין שטארק, און נישט קוקן אויף קיינעם.*

למעשה האט מען אבער נישט געבויט די שטעטל אין יענעם שטח, אבער דאס האט געגעבן ווי א רמז פון הימל: "מאכט א שטעטל!".

**איז וואס איז טאקע געווען די ערשטע שטאפלען פון למעשה אנהייבן און טאקע קויפן בויען, און אפמאכן ענדגילטיג די פלענער ווי מען רופט עס ביי אייך 'לעובדה ולמעשה'...**

במשך די יאר תשע"ז, האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן אפאר אינגעלייט אז זיי זאלן קויפן שטחים אדער הייזער אין יענעם געגנט, צווישן זיי איז געווען ר' זלמן לייב זילבער נ"י, ר' מרדכי אהרן הײלפרין נ"י, און נאך אפאר אינגעלייט, אבער דאס וואלט שוין געדארפט זיין ווי מען זאגט די הייזער ארום די שטעטל, אבער בעיקר האט דער ראש ישיבה געבעטן ר' שבתי מזרחי נ"י אז ער זאל אריינגיין אין קאנטראקט אויף דעם שטח, און ער זאל אנגעהויבן פלאנירן פון בויען דארט.

**ווי אזוי איז געווען די ערשטע פלאן אויסצושטעלן דעם נייעם שטעטל?**

דאס האבן מיר שוין גערעדט אינעם ערשטן אינטערוויו, אז יענע פלאן האט זיך אויך נישט אויסגעארבעט, עס איז געווען די צווייטע מאל וואס עס האט אויסגעזען ווי מיר האבן סתם אינוועסטירט אין די וועלט אריין, אבער דער אייבערשטער האט אונז געפירט אויף די ריכטיגע וועג, און די אלע תפילות וואס מיר האבן געגאסן ביי יעדן געלעגנהייט האט אונז באגלייט אז דייקא פון די אלע דורכפעלער איז געווארן אזא שיינע שטאט.

**איך זע אלע נייע שטעטלעך וואס בויען זיך, אדווערטייזט מען, און מען שטעלט ארויס אלע פלענער פארן ציבור, מען האלט אין איין פאמפן די נייער ישוב, ביי אייך איז אלעס געגאנגען אזוי שטיל, איך געדענק ווען איינער האט מיר געזאגט אז דו האסט זיך ארויסגעצויגן אין ברסלב'ע שטעטל, עס איז שוין געווען תשע"ט, האב איך נישט געקענט טראכטן ווי, וואס, ווען, און ווען איך האב געפרעגט סיי ביי די ברסלב'ע און סיי דרויסענדיגע קיינער האט נישט געוויסט גארנישט צו ענטפערן, איז דאס דירעקט געהאלטן געווארן שטיל?**

קודם כל חז"ל זאגן: "אין לך יפה מן הצניעות", כדי א זאך זאל האבן א קיום מוז עס געטון ווערן מיט א געוואלדיגע פארזיכטיגקייט אז די פלענער זאלן בלייבן אין געהיים,



די פלאן צו בויען הייזער אויף די איסט מאנגאפ לאט

צווייטנס די מציאות האט געוויזן אז איינמאל זאכן האבן אנגעהויבן ארויסצורינען, האט דאס ארויסגעוויזן בייז וואונדער ביי מענטשן, איך רעד נישט פון דרויסנדיגע, וואס אונז אינטערעסירט גאר ווייניג וואס מענטשן זאגן, נאר ביי אונזערע תלמידים, איך האב באקומען צענדליגע בריוון פון נאנטע חברים אז איך זאל חס ושלום נישט טון דעם איבערגעאיילטע שריט, כמעט קיינער האט נישט געקענט מסיג זיין אז עס איז דא אפילו איין פראצענט אז עס זאל האבן הצלחה, נאנטע מענטשן האבן מיר מסביר געווען די געוואלדיגע ליצנות וואס מיר גייען ווערן, ווי די גאנצע הארוואניע וואס מיר האבן אריינגעלייגט צען יאר גייט גיין לטמיון, מענטשן האבן דאס אנגעקוקט ווי מיר גייען קיין אנטארטיקע... גראדע די אלע זאכן ווי מער מען האט מיר געזאגט אז עס איז משוגע, עס איז נישט נארמאל, עס איז סואיסיי"ד, אלעס גייט אונטער גיין, דאס האט מיר געגעבן געוואלדיגע בעטערי' צו גיין



**עס עפענט זיך א פרישע קלאס פאר די עלטערע קינדער**

ווייטער...

אבער אין די צייט וואס אלע זענען געקומען וויינען... אדער לאכן און זא הע! נאך א צודרייטע זאך, האבן מיר שוין געהאלטן נאך פיר יאר שוויצן, פלענער, תפילות, מיר האבן געווינט צום אייבערשטן די אלע יארן, און מיר האבן זיך אזאנס אויסגעלאכט, אז לאכן האט שוין נישט גערעדט צו מיר...

נאך א סיבה איז געווען פארוואס מיר האבן עס געהאלטן שטיל, ווי אינטערסאנט עס הערט זיך, די זעלבע מענטשן וואס קומען דיר זאגן נע! עס גייט זיך נישט אויסארבעטן, די זעלבע מענטשן שטייען און קוקן, זיי זענען נישט משוגע, זיי ווייסן אז אויב איז דאס א פראיעקט וואס דער ראש ישיבה האט

געגעבן א הסכמה אויף דעם גייט עס ארבעטן, און ווי צודרייט זיי האבן עס אנגעקוקט מיט איין אויג, איז אבער מיט די אנדערע אויג האבן זיי געוויסט אז דאס גייט ווערן אן עיר ואם בישראל, און אויב אזוי פארוואס זאלן זיי נישט כאפן שטחים דארט און האבן א חלק אין די געגנט אז ברבות הימים וועלן זיי קענען מאכן א לעבן אויף די געקויפטע שטחים, ווייל די פרייזן וועלן דאך זיכער... ארויפגיין, און לאך נישט מיר האבן געהאט אזעלכע, סיי וואס האבן זיך דערוויסט און געקויפט, און אנדערע וואס האבן זיך אומגעקוקט און געווען גרייט צו קויפן, פארשטייסט? כדי צו האלטן די מארקעט האבן מיר געמוזט האלטן די זאך שטיל.

און פאמפע, עדווערטייזמענט, דאס רעדט נישט צו אונז בכלל, אויב איז עפעס גוט און וויכטיג טוען מיר עס אן אדווערטייזמענט און אן קיין מצב, אונזער מצב, אונזער פאמפע, אונזער עדווערטייזמענטס זענען אינדערהיים ווען מען העלפט די ווייב, אדער ווען מיר זיצן מיטן משניות און קנאקן פרקים משניות, אדער ווען מיר זיפן א פיינע קאווע אויפן קויש און מיר גייען איבער די טאג מיטן אייבערשטן, א תלמיד פון ישיבה קענסטו נישט נעמען אויף קיין רייד מיט קיין מבצעים, מיט קיין פאמפע, מיט קיין הבל הבלים, ווי געזאגט, איז עס גוט טוט מען, און אז נישט קענסטו שרייען מיט טויזנט שופרות.

**האסט א שטארקע פוינט, איך מיין עס איז אביסל צו שארף, איך פארשטיי ענקער מענטעלעטי, אבער איך האף אז דער וואס לייגט אריין די אינטערוויו אינעם בלעטל וועט ארויסנעמען די שמועס, וואס האלסטו?**

דווקא נישט, איך וועל אים בעטן אז ער זאל יא אריינלייגן די ווערטער, וואס איז שלעכט? היינטיגע צייטן אז איינער איז נארמאל, ער טוט נארמאלע זאכן, שרייט מען אויף אים: "געב אכטונג" "זיי נישט אזוי איבערגעטריבן" "זיי א נארמאלע מענטש", שוין איך וויל נישט ווייטער פארקריכן, אקעי לאמיר שוין ענדיגן, וואס נאך פראגעס איז דא צו דעקן.

**וואס איז געווען די פלאן וועגן מוסדות אין אנהייב?**

אנהייב האבן מיר געמיינט אז עס 'מוז' זיין א בנין, נישט ווייל מיר האבן נאכנישט געוויסט אז א תלמוד תורה איז די מלמד און צוויי קינדער מיט וועם ער זיצט, נאר מיר זענען געווען זיכער אז אזוי ווי מיר האבן געזען ווי אלע שטעט און שטעטלעך האבן זיך געמוטשעט מיט מסירות, מען האט נאכגעקוקט יעדע טריט און שריט, האבן מיר געטראכט אז מען 'מוז' האבן א לעגאלע פלאץ אנצוהייבן, אבער דא האט זיך אויך ארויסגעשטעלט די געוואלדיגע השגחה אז מיר זענען נישט אריינגעפאלן אין קיין חובות פון אנהייב.

מיר זענען געגאנגען קוקן די מאנטיסעלא שטאטישע שול, עס געפינט זיך אונטער



מען באזוכט דעם בנין פון הרב חנאוויטש אין מאנטיסעלא

די פירערשאפט פון די חב"ד שליח פון מאנטיסעלא הרב חאנאוויטש, א זעלטן וואוילע איד, ער טוט פיל פאר אידישקייט, אבער מיר האבן געזען אז די שול האט מער וויניגער געשימעלט, דארט זענען שוין בפועל געווען אין קאנטראקט, אבער למעשה איז געווען צופיל דעטאלן אינוואלווד וואס האט גורם געווען אז מיר האבן נישט געקענט גיין דערמיט.

אויך איז געווען א פלאן אפצוקויפן א בנין אויף אלד מאנטיסעלאוי, דער ראש ישיבה איז ארויסגעקומען באטראכטן דעם גאנצן בנין, אבער למעשה איז פון דעם אויך גארנישט געווארן, לעצטענס איז עס געווארן אפגעקויפט דורך ר' אברהם אלי' פרידריך הי"ו וואס האט דאס אהערגעשטעלט פאר אפיסעס צו פארדינגען פאר אנשי שלומינו.

און ווי שוין דערמאנט אין די ערשטע ארטיקל האבן מיר אנגעהויבן די חדר אין מיין בעיסמענט, און די מיידלעך זענען געווען פלאצירט ביי ר' מרדכי אהרן היילפרין נ"י אין בעיסמענט.

איך האב געהערט פון א אינגערמאן א גוט ווארט: "ביי די וועלט וואס מיינט א תלמוד תורה? א בנין, א לאנטש רום, קלאס צומערן, אפיסעס, באסעס, נאכדעם זענען אויך דא מלמדים, נאכדעם זענען אויך דא קינדער, ביי אונז איז א תלמוד תורה א מלמד וואס זיצט און לערנט מיט צוויי קינדער... אז דו ווילסט קענסטו זיי ארײנלייגן אין א בנין, קענסט זיי געבן באסעס, קלאסן, אבער די חדר איז שוין א חדר ווען דער מלמד זיצט מיטן קינד און לערנט אים אויס אנכי ה' אלוקיך, לא יהי' לך אלקים אחרים על פני, שמע ישראל, דאס איז די חדר.

**ווען ביסטו למעשה אריין אין קאנטראקט אויף דיין הויז?**

איך בין אריין אין קאנטראקט זומער תשע"ח, עס איז געווען א מורא'דיגע השגחה פרטיות ביים קויפן דעם הויז, איך האב באמת נישט געטראכט אזוי פון קויפן א הויז, מיינע מעגליכקייטן זענען געווען זערא, סיי אין געלט סיי א נאמען, בפרט אז מען האט גערעדט דעמאלט פון בויען נייע הייזער, אבער



**דער ראש ישיבה ביים קוקן דעם בנין אויף אלד מאנטיסעלאו**

דער אייבערשטער האט געוואלט אז איך זאל דורכברעכן די וועג, אז עס זאל זיך אנהייבן א ברסלב'ער שטעטל. עס איז געווען איינע פון די וואכן צווישן פסח און זומער, איך פלעג אהיימגיין פרייטאג צונאכטס מיט'ן ראש ישיבה ביז זיין הויז, מיר האבן

**ביי אונז איז א תלמוד תורה א מלמד וואס זיצט און לערנט מיט צוויי קינדער... אז דו ווילסט קענסטו זיי ארײנלייגן אין א בנין, קענסט זיי געבן באסעס, קלאסן, אבער די חדר איז שוין א חדר ווען דער מלמד זיצט מיטן קינד און לערנט אים אויס אנכי ה' אלוקיך, לא יהי' לך אלקים אחרים על פני, שמע ישראל, דאס איז די חדר.**

געשמועסט יעדע וואך וויכטיגע זאכן בענין די מוסדות, איך האב איבערגעשמועסט דעמאלטס די לעצטע אפדעיטס פון די שטעטל ווי זאכן שלעפן זיך, און עס איז נישט דא וואו אנצוהייבן זיך א ריר געבן, און דער ראש ישיבה פרעגט מיר: "וואס ביסטו, עפעס גראף פארטאצקי? דו קענסט נישט קויפן א אלטע הויז? די קענסט נאר מופן אויב די גייסט אין א נייע הויז?", איך האב דאס געהערט און איך האב מוצאי שבת גערופן ר' יואל הכהן ראזענבערג, איך האב אים געזאגט איך בין גרייט צו מופן, ברענג מיר א הויז, און איך טאנץ אריין, פון דארט זענען זאכן געגאנגען גרינגער ווי גרינג, איך האב באקומען אויף א גאלדענעם טאץ מיין באלד 5 טויזנט סקווער פיס פאלאץ, פאר שפאט ביליג, און דער ערשטער מענטש וואס איך האב גערופן וועגן די מארגעדזש, די לעגאלע זאכן, די קרעדיט, וכדומה, האט ער מיר אלעס געטון פון א' ביז ת' און איך בין טאקע אריין אין קאנטראקט יענעם זומער, און וויניגער פון א יאר פון דעמאלטס האב איך מיך שויך ארויסגעצויגן פון שטאט.

איך האב געמופט **דאנערשטאג ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, י"ח סיון, שנת תשע"ט לפרט קטן,** מרדכי אהרן נ"י איז ארויסגעקומען יענער ערב שבת צו זיין שווער אין מסורה וואדס קאנטרי, און דער ראש ישיבה האט מיט אים מיטגעשיקט א שיינע בריוו פאר מיר, צוזאמען מיט א קעיק און א באטל גרעיפ דזשוס. דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז מען זאל שטעלן א ערענסטע בית מדרש, נישט קיין חילוק צו מען דאווענט אין דיינינג רום, צו עס איז דא ווייניג מענטשן זאל מען צוגיין צום עמוד און דאווענען אזוי ווי אין שטאט, א נשמת, א ממקומך, אלעס כאילו עס זענען דא טויזנט מענטשן, איך האב געדאווענט פארן עמוד א שיינע דאווענען, איך האב געפילט זייער דערהויבן צו זיין אין א פלאץ וואס איך ווייס נישט אויב א איד האט שוין געזאגט דארט אמאל א אידיש ווארט, און דא האב איך די זכיה אריינצוקומען ווי מען זאגט קלאר מיט א שיינע שבח והודאה צום אייבערשטן, פון דארט און ווייטער זענען שוין זאכן געפארן.

**ווער איז געווען פון די נחשונים צו אריינמופן?**

מען קען נישט זאגן אז די וואס האבן געמופט זענען געווען די נחשונים, ווייל עס איז געווען אסאך וואס זענען געווען גרייט ארויסצוקומען, זיי זענען אריינגעשפרינגען אין ים ווען זיי האבן געקויפט זייער הויז, און דערווייל האבן זיי נישט געקענט קלויזן, עם כל זה וועל איך דיר זאגן די ערשטע וואס האבן זיך ארויסגעצויגן, ר' יצחק אהרן וויינבערג נ"י איז ארויסגעקומען עטליכע טעג פאר מיר, דערנאך האב איך מיך אריינגעצויגן צוזאמען מיט ארי לונגער נ"י, ר' מרדכי אהרן היילפרין נ"י, ר' אשר בער אינדארסקי נ"י , ר' יצחק אייזיק ראטה נ"י, ר' ישראל יוסף שניטצלער נ"י, ר' הערשל שניטצלער נ"י, ר' שלמה יאקאבאוויטש נ"י, ר' יעקב יאקאבאוויטש נ"י.



**ר' אברהם משה נ"י באקומט די בריוו פונעם ראש ישיבה**

**זייער שיין געדעקט, איך האב נאך געהאט אסאך שאלות, ווי למשל ווי אזוי קומען אלע מארבע כנפות הארץ אזוי ווייט צו יעדע תפילה וכדומה, אבער פון דעמאלט זענען שוין אלע שאלות פארענטפערט געווארן.**

**איך מיין אז מיר זענען פארטיג פאר היינט, קען זיין די נעקסטע מאל וועלן מיר שוין קענען מאכן א אינטערוויו פונעם נייעם שטעטל.**

יא עס איז שוין דא אסאך צו דערציילן וועגן די נייע שטעטל, ברוך השם מען ריקט זיך פאראויס.

**איך וויל דיר נאר פרעגן איין שטארקע און וויכטיגע נקודה, וואס איך קען נישט צו זיך קומען פון דעם, און דאס פארלאנגט זיך א אמת'ע שטארקע תשובה, נישט אבי געזאגט, עס איז אזוי אינטערסאנט ווי אזוי די שטעטל האט זיך געבויט מיט אזא רואיגקייט, אין די צייט וואס די אנדערע שטעט און שטעטלעך האבן זיך געבויט מיט אזויפיל לעגאלע פראבלעמען, מיט אזויפיל העצע אין די פרעסע, מיט אזויפיל קריגעריי מיט די שכנים, מיט אזויפיל עגמת נפש, מיט קארט קעיסעס, מיט אזויפיל אויפרייצן שנאת ישראל, און ביי ענק זעט מען ממש די פסוק וואס משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה, 'ויהרדו כל עבדיך אלי' אלע קומען צו אייך, איר פירט נישט קיין קאמף מיט קיינעם, אלע פאלעטישאנס בייגן זיך צו אייך, איר האט נישט אויסגעגעבן קיין איין איינציג דאלער פאר לעגאלע פראבלעמען, איר האט זיך נישט געשלאגן מיט קיינעם, און איר לעבט אין גוטן מיט די שכנים, איך מוז וויסן וואס איז די סוד, ווי אזוי ארבעט עס?**

דאס איז די שכל מיט וואס דער ראש ישיבה גייט אלס און לערנט דאס אויס פאר די הנהלה, אז מען זאל גיין מיט אלעמען בשלום אן קיין קריגערייען, און מיט דעם מהלך קומט מען אייביג אן אסאך בעסער, און דאס וואלטן די גרויסע קעפ פון כלל ישראל געדארפט ווען שטודירן, די בייז וואונדער וואס עס רופט ארויס ביי דיר וואס דיר איז עס נישט נוגע דאס זאל ארויסרופן די עסקנים, די לאביאיסטן, די פירער, עס זאל זיי אינטערסירן ווי אזוי זאכן קענען געטון ווערן אן קיין קריגן אן קיין שטופן, אן קיין לעגאלע פראבלעמען.

ביז דערוויל ציטערט מען צו קוקן אין אונזערע דירעקציע, ווייל זיי ווייסן אז דא ליגט א סוד, נישט נאר ווי אזוי מיר לעבן בשלום מיט יעדעם, נאר ווי אזוי זיך אן עצה געבן אז חתונות זאלן נישט קאסטן, א סוד וואס מיר האבן אז מיר האבן געקענט שפארן קרוב צו פינף מיליאן דאלער פון מחותנים ביים חתונה מאכן, און נאך צענדליגע זאכן וואס די תלמידים פונעם ראש ישיבה געבן זיך אן עצה, וואס קיינער קען נישט דערגרינטעווען וואס דא גייט פאר, אבער ווי געזאגט דערוויל מאכן זיי צו די אויגן, זיי האבן אזא שמירת עינים זיי זאלן חס ושלום זיך נישט דארפן טרעפן מיט די פאקטן וואס פראסקענען אין פנים.

בלייב מיר געזונט, ביי די וועי איך מאך א סיום ששה סדרי משנה די הונדערט און צוואנציגסטע מאל יעצט סוכות ביי מיר אין די סוכה, קענסט אריבערקומען.

זיי מיר געזונט, איך דארף לויפן ענדיגן מיינע שיעורים.

**דאס איז די שכל מיט וואס דער ראש ישיבה גייט אלס און לערנט דאס אויס פאר די הנהלה, אז מען זאל גיין מיט אלעמען בשלום אן קיין קריגערייען, און מיט דעם מהלך קומט מען אייביג אן אסאך בעסער.**

# אינפארמאטיווע שמועס מיט ר' אברהם דוד לאקס הי"ו פון קרית ברסלב

**סוכות**
תשפ"ב

צום היינטיגן אינטערוויו האבן מיר געכאפט א געשמאקן שמועס מיט אונזער אלעמען באליבטער ר' אברהם דוד לאקס נ"י, פון די חשוב'ע איינוואוינערס אין קרית ברסלב, וואס פירט אן א ברייט פארצווייגטע ביזנעס, לאמיר הערן פון אים וואס ער האט צו פארציילן וועגן זיין ביזנעס, און אויך וועלן מיר שוין פרובירן צו פרעגן וויאזוי און ווען ער איז מקורב געווארן צו ברסלב.

מיר געבן איבער דאסווארט פאר ר' אברהם דוד הי"ו:

קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם

D&S APPLIANCES



**שלום עליכם טייערע דודי.**

עליכם שלום.

**א גרויסן שכח פאר אוועקגעבן פון דיין טייערע צייט צו קענען דיר פרעגן אפאר שאלות. איך ווייס אז דיין צייט איז טייער, איז לאמיך דיך נישט אויפהאלטן.**

**איך מעג דיך פרעגן, קודם כל, אביסל וועגן דיין פרנסה?**

יא.

**וואס פארקויפסטו?**

מעידזשער אפפלייענסעס.

**וואס האסטו געטון פריער?**

בעצם האב איך זיך געלערנט אקאונטינג פאר עטליכע יאר, איך האב אנגענומען א ארבעט ביי א געשעפט וואס האט פארקויפט מעידזשער אפפלייענסעס, מיין ארבעט איז געווען אין די אקאונטינג דעפארטמענט.

דערנאך איז אונטער געקומען אן ארבעט ביי אן אקאונטיג קאמפאני. איך האב גערעדט מיט זיי, און מיר האבן אפגעמאכט אז איך לאז איבער די ארבעט ביי די מעידזשער אפפלייענסעס, און איך קום ארבעטן צו זיי. די אויפטו איז געווען אז בענעזאם מיט מיין ארבעט ביי די אקאונטינג וועל איך גיין ווייטער און ווייטער מיט'ן זיך לערנען די העכערע שטאפלען פון אקאונטינג, אזוי ארום וועל איך קענען אנקומען צו ווערן א "סי פי עי" וואס דארף צו הייסן א ברייטע פרנסה אזוי ווי א דאקטער אדער א לויער.

למעשה, שוין נאכדעם וואס איך האב געמאלדן ביי די מעידזשער אפפלייענסעס אז איך גיי ארויס, זאגט מיר די אקאונטינג קאמפאני אז זיי האבן זיך בארעכנט אז זיי קענען טרעפן איינעם וואס איז ביליגער ווי איך, דאס האט מיר זייער נישט געשמעקט, האב איך מיר געמאכט דעם חשבון אז איך גיי נישט ווארטן ביז נאך איינער שפילט מיך אויס. איך האב שנעל איינגעזען ווי אזוי ס'גייט, איינער טרעט אויפ'ן צווייטן. און דער צווייטער טרעט אויף א דריטן, במילא דארף איך זען צו זיין בבחינת "בגפו יבא בגפו יצא", אדער, אזוי ווי די וועלט זאגט א ווערטל **"אליין, איז די נשמה ריין"**, איך דארף שטיין אין ביזנעס אליין, פאר זיך, ברוך השם איך האב זייער גוט געקענט די מעידזשער אפפלייענסעס ביזנעס.

דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א קאפ אז איך כאפ אויף זאכן גאנץ גוט, במילא האב איך זיך גוט אויסגעלערנט אלע חלקים פון די מעידזשער אפפלייענסעס ביזנעס, בשעת'ן טון די אקאונטינג ארבעט דארט, במילא האב איך געזען אלץ די פשוט'סטע זאך אז דאס איז די ביזנעס וואס איך גיי טון.

**האסט געהאט עפעס שוועריגקייטן ביים אריינגיין אין ביזנעס פאר זיך?**

יא! ס'איז געווען ביטער שווער... נאך א מזל אז איך האב נישט געוואוסט פריער ווי שווער ס'גייט זיין, ווייל ווען איך וואלט געוואוסט פון פריער וואלט איך נישט אנגעקומען צו וואו איך בין יעצט.

**וואס מיינט "וואו איך בין יעצט"? וואו ביסטו יעצט?**

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב פרנסה, איך האב וואס איך דארף, איך דארף נישט ארבעטן צודרייטע שעה'ן, איך דארף נישט פארקויפן מיין ווייב און קינדער פאר געלט, יעדן טאג נאך די ארבעט האב איך א שיין ביסל צייט צו זיין מיט מיין משפחה, דאס איז ביי מיר די העכסטע זאך, ברוך השם אז איך בין נישט געצווינגען אהיימצוקומען שפעט ווען די קינדער שלאפן שוין, יעדן טאג ווען ס'איז די צייט פון נאכטמאל (אויך אביסל פארדעם און אביסל נאכדעם.....) פרוביר איך זייער שטארק נישט צו זיין אויפ'ן טעלעפאון, נאר אויב ס'איז גאר וויכטיג. ברוך השם אז איך האב צייט צו לערנען מיינע שיעורים אינדערפרי און ביינאכט, וואס קען זיין בעסער?......

**דו ספענדסט געלט אויף אדווערטייזינג?**

יא, אבער זייער ווייניג, זייער בעיסיק, איך האב אן עד יעדע וואך אין וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל.

**דו טוסט עפעס סוליסיטינג? דו טוסט עקטיוולי זוכן נייע קאסטומערס?**

ברוך השם אז נישט. איך האב גוט געשוויצט פאר אפאר יאר.

יעצט האב איך ברוך השם א שיינע קאסטומער בעיס.

**זיי מסביר..**

איך בין אסאך נאכגעגאנגען צו באקומען די ביזנעס פון לענדלארדס וואס האבן, למשל, פופציג אפארטמענטס, אדער הונדערט, צוויי הונדערט וכדומה. כ'האב אריינגעלייגט אסאך ארבעט אין דעם פאר עטליכע יאר און ברוך השם מיינע קאסטומערס האבן ליב צו דילן מיט מיר, יעדע פאון קאל ווערט געענטפערט גלייך, און אויפצומארגנס ליגט שוין א נייע געז רענטש ביי זיין טענענט.

אויך האב איך אריינגעלייגט גרויסע כחות צו באקומען גאווערמענט בידס. ס'איז דא פארשידענע שטעט און שטעטלעך וואס די שטאטישע האוזינג שטעלט צו מעידזשער אפפלייענסעס. ווער עס דיעלט מיט גאווערמענט בידס ווייסט אז ס'איז שרעקליך שווער דורכצומאכן דעם פראצעדור פון אנפאנג, אבער איינמאל מ'אקערט עס דורך איז דא גרויסע פאטענשל, ברוך השם עס האט זיך זייער שטארק אויסגעצאלט די צייט און כח וואס איך האב אינוועסטירט אדורכצוברעכן די טויערן צו גאווערמענט בידס.

**דו האסט א וועבזייטל?**

יא. מ'ארבעט דערויף, ס'איז נאכנישט פארטיג.

**דו האסט א דזשענעריק וועבסייט וואס אלע האלסעילער'ס און דיסטריביוטאר'ס אפפערן פאר פינעף צען טויזנט דאלער א יאר?**

ניין.

**ביסט געגאנגען אליין?**

יא.

**ס'איז זיכער טייערער.**

צען מאל טייערער! אפשר נאכמער!

**וואס איז די מעלה?**

די אלע דזשענעריק וועבסייט'ס וואס יעדער צווייטער דיסטריביוטאר אין אמעריקע פארקויפט פאר זייערע מעמבער'ס, דאס איז זייער בעיסיק, זייער דזשענעראליסטיק, אויב דו ווילסט מאכן עפעס יוניק, עפעס אן איידיע אין דיין וועבסייט איז עס פשוט אוממעגליך, ס'איז געבויט אויף א ביליג'ן שטייגער, ס'איז פשוט נישט דא קיין קנעפלעך וויאזוי צו טוישן דאס און יענץ, נעם עס אזוי און גיי.

מה שאין כן די וועבסייט וואס איך בוי קען איך יעדן טאג טוישן אפציעס און פיטשערס, אזוי אויך קען איך טוישן סיי ווען די אויסזען און די דעזיין.

על פי משל, ווען איינער וויל א נייע הויז, קען ער קויפן פון א דעוועלאופער א פארטיגע זאך, אדער קען ער הייערן א בויער וואס זאל אים בויען קאסטום.

**קענסט מיר עפעס פארציילן ווי אזוי דו זעסט דעם אייבערשטן אין ביזנעס?**

דו פארשטייסט אליין אז א מענטש וואס איז אליין אין ביזנעס זעט דעם אייבערשטן יעדע רגע פון יעדן טאג, בלי גוזמא.

**דאך, וואס קענסטו עפעס צו לייגן?**

דער הייליגער רבי האט דערציילט די מעשה פון דער ארימאן מיט'ן דיימאנד, וואס ער האט זיך נישט פארלוירן ווען דער דיימאנד איז אריין אין וואסער, פארדעם איז ער נתעשר געווארן פון די ווייץ.

אזוי איז געווען ביי מיר, כ'האב זיך זייער דערהאלטן ווען ס'איז געווען ביטער שווער, ביז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז יעצט בין איך זייער באקוועם, כ'האב זיך יעדן טאג דערהאלטן מיט די הייליגע מעשה, "נישט זיך פארלירן" "טראכט אז דו האלטסט דעם דיימאנד, אפילו ס'איז שוין לאנג אין וואסער"

**וואס קענסטו מיר דערציילן פון די שוועריגקייטן וואס דו האסט געהאט אין ביזנעס?**

פשוט, די געלט האט נישט געשטימט, "איט דידנ'ט עדד אפ"... וואס איך האב נאר געטון פאר די ביזנעס בין איך אלץ געווען אונטער א בארג פון חובות, פון אנפאנג האב איך נישט געזען א וועג אז איך גיי ארויסקריכן פון די חובות, אבער ברוך השם ס'איז שוין לאנג אדורך.

כ'האב עס נאר דורכגעמאכט דורך וויסן יעדע רגע אז דער אייבערשטער איז מיט מיר און ער וועט מיך נישט פארלאזן, אז מ'לעבט מיט א צדיק קען מען אלעס דורכשוויצן, ביז מ'זעט זיך על מי מנוחות. ברוך השם מ'האלט שוין דא און מ'דערציילט עס אין פריידן.

**אז מען רעדט שוין וואלט איך דיר געוואלט פרעגן וועגן דיין סיפור התקרבות, וויאזוי און ווען ביזטו אנגעקומען אין ברסלב?**

אדרבה.

**נו וואס האסטו צו פארציילן?**

ווען איך בין געווען א חתן האט מיך אנגעכאפט א גרויסע דורשט צו הערן "טיפס" אויף די לעבן נאך די חתונה, ס'הייבט זיך דאך אן א נייע לעבן, וויאזוי מאכט מען אז עס זאל זיך גוט אויסארבעטן? אלזא, בין איך געווען זייער נייגעריג צו הערן פון כל ערליי מגידים, משפיעים, תלמידי חכמים, און אזוי ווייטער. וואו ס'איז נאר דא איינער וואס רעדט פון סיי וואס פארא "מהלך" אין לעבן האב איך געמאכט זיכער עס צו פארזוכן. ס'איז מיר נישט אנגעגאנגען צו ס'איז עובד'יש, באלעבאטיש, "גוטער-קאפ'איש", נערוואו-מיינדעד, אפען-מיינדעד, יאנטשי, קראנטשי, און אזוי ווייטער. מיין צוגאנג איז געווען אז איך גיי נעמען א טעיסטינג פון אלע מיני וועגן וואס ס'איז דא און נאכדעם וועט מען פאנאנדערשטעלן עפעס א קאקטעיל.

ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן דער ראש ישיבה האב איך גלייך באקומען די פילינג אז דער ראש ישיבה רעדט צום פינטל. ס'איז נישט עפעס א מגיד וואס זאגט איין זאך און מיינט עפעס אנדערש, ס'איז נישט עפעס א רבי'שע הויף וואס וויל מאכן זיכער אז אונזער קהילה "זעט אויס" גרעסער אדער פרומער ווי א צווייטע קהילה, כ'האב געזען אז אין די קהילה רעדט מען פון די ריכטיגע "באדעם ליין", וואס ליגט ביי מיר אין די האנט "עט די ענד אוו די דעי".

נאך די חתונה האב איך אנגעהויבן צוביסלעך צו קומען מער און מער ביי שלש סעודות. כ'האב זייער ליב געהאט די צען מינוט'יגע שלש סעודות תורה פון דער ראש ישיבה, ס'האט מיר געגעבן א ספעציעלע וועג ווי אזוי צו מאכן א ציל פאר די נעקסטע זיבן טעג, "וואס וויל איך אקאמפלישן די היינטיגע וואך?" די מין וועג פון האלטן פאקוס אויף "די היער ענד די נאו" דאס האט מיר אריינגעגעבן אזא אויסערגעוועגליכע דערקוויקעניש אין די ביינער אז מ'קען דאס פשוט נישט מסביר זיין. פשוט און גראד, האלטן קאפ אויף ארויסנעמען די מאקסימום פון דעם "יעצטיגן מאמענט" און מיין לעבן. דאס האט מיר זייער שטארק געהאלפן אויספארעמען א וועג "וואו וויל איך אנקומען במשך מיינע יארן עלי אדמות?"

אינטערעסאנט איז, אז דעמאלטס האב איך בכלל נישט קאנעקטעד מיט דער ראש ישיבה, כ'האב געהערט די תורה, און געגאנגען ווייטער, ביי עלינו לשבח בין איך שוין געווען פון די אנדערע זייט פון די טיר... דאס איז געגאנגען אזוי פאר בערך א יאר, יעדן שלש סעודות בין איך דא געווען און ארויסגעגאנגען אן רעדן מיט קיינעם. פשוט, כ'האב געהערט די שיינע הערליכע זאכן וואס מ'רעדט דא, אבער ס'איז נאכנישט געווען אינגאנצן, וואס מ'רופט "עקסקלוסיוו".

נאך בערך א יאר בין איך געווארן מער און מער איבערגעצייגט אז דא איז מיין פלאץ. איך בין פארטיג מיט'ן זוכן דא און דארט. איך האב שוין אלעס געפינען.

זייער אינטערסאנט צו הערן, אויב מען מעג פרעגן וואלט איך געוואלט הערן פון דיר וועגן דיינע שיעורים.

אדרבה פרעג.

**וואס לערנסטו? וואס זענען דיינע שיעורים כסדרן?**

איך לערן וואס א פשוט'ער איד לערנט. איך בין מעביר סדרה פון זונטאג, אזוי ווי מוהרא"ש האט זיך געבעטן ביי אונז זיין גאנץ לעבן. יעדן טאג אביסל משניות, און אזוי אויך אביסל גמרא.

**איך מעג פרעגן וויפיל?**

ברוך השם אין עטליכע וואכן ארום גיי איך ענדיגן ש"ס די

צווייטע מאל.

**אנבעליוועבל!!!**

**וויפיל דפים לערנסטו א טאג?**

זיבן

**ווילאנג נעמט עס?**

אמאל א שעה, אמאל א האלבע שעה, מסכת נדרים איז פיצקעלעך דפים. איז עס א האלבע שעה. מסכתא תענית איז גרויסע דפים איז עס א שעה.

**קומט אויס אז דו האסט אנגעהויבן איין יאר צוריק די צווייטע מאל ש״ס און יעצט גייסטו שוין ענדיגן.**

יא.

**און די ערשטע מאל ש״ס האסטו אויך געמאכט אין איין יאר?**

ניין. עס האט גענומען דריי און א האלב יאר.

**ווען לערנסטו דיינע זיבן בלאט? צופרי? ביינאכט?**

סיי ווען, פון צופרי ביז ביינאכט. איך האלט קאפ צו היטן אויף די קליינע מינוט׳קעלעך וואס מיליאנען מענטשן פארשווענדעוון אינמיטן ארבעט מיט לופטיגע געטועכצ׳ן כאלו ער טוט יעצט עפעס אויף. אזוי ווי ביים רעדן, איינער רעדט קורץ און שארף און א צווייטער בלאבעלט און גראבעלט און זאגט נישט גארנישט, די זעלבע זאך איז דא אין קארפאראיט אמעריקע. איך ארבעט קורץ און שארף, און איך האלט קאפ צו זען ווען ס׳איז דא פינף צען מינוט ליידיג כאפ איך אריין אפאר שורות גמרא, איך האב א ״פאסט-איט נאוט״ וואו איך האלט און ס׳פארט ווייטער און ווייטער מיט יעדן שעה פון טאג וואס גייט פארביי.

**און משניות?**

איך פרוביר צו לערנען יעדן טאג אכצן פרקים אבער למעשה קומט מיר עס אויס אז נישט יעדן איינציגן טאג געלונגט מיר אכצן פרקים. ס׳קומט מיר אויס אכט, ניין מאל א יאר, אנשטאט צוועלף. דאס הייסט אז איינער וואס לערנט אכצן פרקים יעדן טאג קומט אויס אז ער ענדיגט יעדן חודש ששה סדרי משנה, צוועלף מאל א יאר, ביי מיר איז עס א שיין ביסל שטייטער, אבער עס קומערט מיך נישט בכלל, ס׳איז אזוי ווי איינער זאל זאגן כ׳האב ״נאר״ הונדערט ביליאן דאלער........

**משניות לערנסטו ווען? צופרי? ביינאכט?**

די זעלבע איידיע ווי כ׳האב דיר געזאגט ביי די גמרא, במשך דעם טאג פרובירט מען צו קאווערן ווי מער.

**פאריאר אינמיטן קאנטרי האסטו מיר געזאגט אז דו האסט ליב צו האבן א חברותא וואס מ׳האלט זיך צוזאמען ביי אכצן פרקים א טאג, מ׳איז מזרז איינער דעם צווייטן, געדענקסט וואס דו האסט גערעדט צו מיר?**

אוודאי.

**כ׳האף דו ביסט נישט ברוגז אז כ׳האב ארויסגעטשעקט פון די חברותא׳שאפט......**

חלילה......

**האסט געטראפן א צווייטן?**

יא.

**מעג איך פרעגן ווער?**

יא, ר׳ יעקב משה אינדארסקי הי״ו

**האסט נאך שיעורים?**

יא, מדרש תנחומא.

**מדרש רבא אויך?**

ניין, דער ראש ישיבה האט געזאגט קודם ענדיג מדרש תנחומא, נאכדעם גיי צו מדרש רבא.

**גייסט עס ענדיגן אין איין יאר?**

מסתם אין צוויי יאר, אויב ס׳וועט נעמען דריי, פיר יאר גייט מיך עס בכלל נישט באדערן.

**יעצט וואלט איך דיר געוואלט פרעגן וועגן דיין מופן אין שטעטל, וואס האסטו געטראכט ווען דו האסט אפגעמאכט צו מופן אין שטעטל?**

די עיקר האב איך געטראכט פון די חינוך פון מיינע קינדער, מיין קינדער׳ס חינוך איז די וויכטיגסטע זאך אין מיין לעבן, כ׳האב געוואלט מיינע קינדער זאלן באקומען די ריינע אמונה אינעם אייבערשטן

וואס מ׳לערנט אין ברסלב.

פארוואס זאל מיין קינד געוואר ווערן ביי די אכצן אז מ׳קען רעדן צום אייבערשטן וואס מ׳וויל, ווען מ׳וויל, וואו מ׳וויל און וויאזוי מ׳וויל? פארוואס נישט ביי די דריי?

פארוואס זאל מיין קינד זיך באהאלטן פון זיין טאט׳ן מיט א ברסלב׳ע קונטרס? פארוואס נישט לכתחלה אריבער? קום׳זשע מיין קינד, נעם די שיינע ספר עצתו אמונה, לערן דאס, דאס וועט דיר געבן וויכטיגע ידיעות וואס וועט פארגרינגערן דיין לעבן לאנג נאכ׳ן פארלאזן די ישיבה ווענט, ווען דער מנהל וועט דיר שוין נישט נאכקוקן צו די האסט געדאווענט היינט צו נישט. דער ספר וועט דיך איבערצייגן אז יעדע מצוה וועט באררייכערן דיין לעבן דא אויף "די" וועלט, אז די תורה געט פאר׳ן מענטש א זיסע לעכטיגע צוקער׳דיגע לעבן.

**ווי לאנג וואוינסטו שוין אין שטעטל?**

איין יאר צום גוטן ברוך השם

**איך זע דו אדווערטייזט אן אדרעס אין דזשערזי סיטי, דו פארסט יעדן טאג אהין?**

ניין.

די עיקר פון מיין ביזנעס געפינט זיך אין מאנרא. איך האב א פלאץ אין קרית יואל וואו ס׳זיצן די וואס ענטפערן די טעלעפאון און אימעיל׳ס. ווען א לענדלארד שיקט אן אימעיל אז מ׳דארף א געז רענטש דארט און דארט, אין יענעם און יענעם אפארטמענט, שיקן מיר דעם ארדער ביז עטליכע מינוטן צום פלאץ וואו מיר קויפן איין, און די זאך איז ארלעדיגט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף.

**דו פארקויפסט נאר פאר לענדלארדס די בעיסיק סחורה? וואס איז מיט פריוואטע מענטשן וואס קויפן איין פאר א טייערע הויז די טאפ און די לייט סחורה און זיי ווילן זיך דורכשמועסן אלע אפציעס?**

אודאי טו איך דאס אויך, וואס איז די פראגע? מיינע ריטעיל קאסטומערס זענען אזוי שטארק צופרידן פון מיר אז זיי שיקן אהער איינער דעם צווייטן. ברוך השם איך האב א גוטע נאמען אז מ׳קען זיך געדולדיג דורכרעדן אלעס וואס איז דא צו באקומען, וואס איז די חילוק פון איין מאדעל צו די אנדערע, און אזוי ווייטער.

**דו פארסט יעדן טאג קיין קרית יואל?**

ניין.

רוב מאל פאר איך נאר צוויי מאל א וואך. די אנדערע טעג האב איך א פלאץ דא אין שטעטל וואו איך ארבעט. איך האב זיך ספעציעל אויסגעשטעלט אזוי. איך פרוביר אייביג צו געדענקען אז די ביזנעס איז נאר די ביזנעס... די ווייב און קינדער איז די עכטע ביזנעס... דאווענען און לערנען איז די ריכטיגע קעש.....

איך קען נישט גענוג לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן אז מיין פרנסה ארבעט אזוי אז די ביזנעס זאל מיך נישט אוועקרויבן פון זיין אין שטוב אין נארמאלע צייטן און נישט זיין א קנעכט פאר זיבעציג יאר. איך געדענק אלעמאל אז די ביזנעס איז נישט א ציל, די ציל איז איבערצולאזן קינדער וואס זאלן נישט זוכן אוועקצוגיין פון די זיסע האניג׳דיגע תורה׳דיגע לעבן.

**א גרויסן יישר כח פאר אוועקגעבן פון דיין טייערע צייט אונז צו ענטפערן די פראגעס וואס מיר האבן געהאט, עס וועט זיכער זיין א חיזוק פאר נאך אידן וואס וועלן עס ליינען צו זען וויאזוי מען קען ארבעטן יעדן טאג און אין די זעלבע צייט לעבן מיט׳ן אייבערשטן.**

(צום שלום פונעם שמועס ווילן מיר דא מאכן א באמערקונג: די אינטערוויו איז געווארן געשריבן מיט א צייט צוריק, נאך פאר די סיום הש"ס וואס דודי האט געמאכט דעם זומער, בהשתתפות דעם ראש ישיבה שליט"א, און נאך פאר די הערליכע מסיבה פאר׳ן בית המדרש עצתו אמונה, אויך איז נאכנישט געווען באקאנט די פארשידענע טעטיגקייטן בנוגע די "אי עם טי" קלאס אין בית המדרש אשר בנחל אויף דענמאן ראוד. עס פאדערט זיך א באזונדערע ארטיקל אין ליכט פון די דערמאנטע אקטיוויטעטן פון אונזער באליבטער דודי נ"י, ועוד חזון למועד אם ירצה השם.)




# ווער איז גְרֶעסֶער? (חלק ב)

קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט צְוֵויי מַעֲשִׂי־וֹת; אֵיין מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר שׁוֹין דֶערְצֵיילְט פָארִיגֶע וָואךְ, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם קַארְגֶער עוֹשֶׁר, דִי וָואךְ ווֶעלְן מִיר דֶערְצֵיילְן דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְנַגֵּן וָואס פְּלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, אוּן וִויבַּאלְד בַּיי חֲתוּנוֹת זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן דֶער בַּעַל מְנַגֵּן הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִי פְּרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן - הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר אִיז בְּלִינְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעבְּט דִי אוֹיגְן, בִּיז אַלֶע הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע בְּלִינְד. ווֶען דֶער בַּעַל מְנַגֵּן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אִיז מֶען גֶעוָואר גֶעוָוארְן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּלִינְד; נָאר וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל ווֶערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן זַיינֶע אוֹיגְן, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד.


דֶער בְּלִינְדֶער שְׁפִּילֶער

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: ״בֵּיידֶע זֶענֶען יֶעצְט אַוֶועק, דֶער קַארְגֶער עוֹשֶׁר אוּן דֶער בְּלִינְדֶער שְׁפִּילֶער, זָאגְט מִיר ווֶער אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער - דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בְּלִינְד זַיין גַאנְץ לֶעבְּן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל ווֶערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אָדֶער דֶער עוֹשֶׁר וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ קַמְצָן, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר גֶעהַאט בִּזְיוֹנוֹת, מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט?״ דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״רֶבִּי מִיר ווֵייסְן נִישְׁט ווֶער אִיז גְרֶעסֶער, מִיר טְרַאכְטְן אַז בֵּיידֶע זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע גְרוֹיס״, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: ״אִין הִימְל ווַייסְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט ווֶער פוּן דִי צְוֵויי אִיז גְרֶעסֶער״.




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**מא.** מִי שֶׁדּוֹבֵר כְּזָבִים, הוּא אוֹבֵד.

**טייטש.** ווער עס זאגט ליגנט דער פארלירט.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | 4 | | | |
| | 2 | | 4 | | |
| | 6 | | 2 | 1 | |
| 3 | | | | | |
| | | | 5 | | 6 |
| | 5 | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | 7 | | 3 | | 2 | | 4 |
| | | 3 | 9 | | 4 | 7 | | |
| 4 | 9 | | 5 | 2 | 7 | | 6 | 3 |
| | 8 | 2 | | | | 6 | 4 | |
| 9 | | 4 | | | | 5 | | 7 |
| | 7 | 5 | | | | 1 | 2 | |
| 2 | 1 | | 7 | 5 | 3 | | 8 | 6 |
| | | 8 | 4 | | 2 | 9 | | |
| 7 | | 6 | | 9 | | 3 | | 2 |

# חידות אפטיילונג



**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן ראש השנה אזא התעוררות ווי עס איז דא ביי מיר**

א.מוצאי ראש השנה

ב. נעילה

ג. סליחות

ד.ערב ראש השנה

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי האט געזאגט: דריי זאכן דארף מען טוהן ראש השנה

**ענטפער:** טראכטן נאר גוט, זיין פרייליך, וויינען

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אברמי פעלדמאן נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161



# העלף נחמן נתן אנקומען צו די הייליגע סוכה





# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: יוסי פּרערויא

א' סליחות מוצאי שבת כי תבא ביים ראש ישיבה אין בית המדרש היכל הקודש וויליאמסבורג


קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

א' סליחות מוצאי שבת כי תבא אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק


קרעדיט: יוסי פּרערויא


קרעדיט: יוסי פּרערויא

ברית אין ישיבה פון בן ר' שמואל בלעדי הי"ו צוזאמען מיט א סיום הש"ס פון ר' שמואל הי"ו - מאנטאג נצבים


קרעדיט: שלמה חיים ווייס

סיום הש"ס צוזאמען מיט א סיום משניות די צענטע מאל פון מו"ה שלמה חיים ווייס הי"ו בראכפעלד


קרעדיט: מאטי הײמליך

קאנסטראקציע ווערט געמאכט אין די טעג ביים נייעם קיאסק לאקאציע אין שטעטל



קרעדיט: מעכל ראזענפעלד

אינגעלייט אין שטעטל באזוכן אידן אין טורמע פאר א
זכות צו די הייליגע טעג



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

לחיים פאר החתן רפאל כ״ץ הי״ו - א׳ נצבים תשפ״ב



קרעדיט: יואל ראזענבערג

אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן אין לופטפעלד
אויפ׳ן וועג צו אומאן ראש השנה תשפ״ג



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

אנשי שלומינו אויף איינע פון די באסעס צוגעשטעלט
דורך ״פלען איט רייט״



קרעדיט: שלמה שווארץ

דער ראש ישיבה מיט אנשי שלומינו ביים ארויפגיין
אויפ׳ן פליגער אין ריישא



קרעדיט: יענקי פיש

דער ראש ישיבה ביים שרייבן בריוון אויפ׳ן פליגער



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש



קרעדיט: מהללאל אדלער

אנשי שלומינו ביים אראפקומען פונעם באן וואס האט
געפירט דעם עולם צום רבי׳ן אויף ראש השנה




קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

פונקטליכע אנווייזונגען פון "פלען איט רייד" וואו עס איז צוגעשטעלט מקוה, בית המדרש און ווארימע טרינקן



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

לייכטע איבערבייס צוגעשטעלט אין ריישא האטעל



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

ברייטע נאכטמאל צוגעשטעלט אין קראקא



קרעדיט: נפתלי זאבעל

ברייטע נאכטמאל צוגעשטעלט אין ריישא



קרעדיט: יוסי פרערויא

אנשי שלומינו בעטן זיך אויס א גוט יאר ביים ציון פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע אין שטאט ליזענסק



קרעדיט: נפתלי זאבעל

ברייטע נאכטמאל צוגעשטעלט אין ליזענסק



קרעדיט: נפתלי זאבעל

די קינדער עסן צוזאמען פרישטאג ערב שבת נצבים תשפ"ב



קרעדיט: איידיק ראטה

די קינדער זאגן תיקון הכללי מיט די חשובע מלמדים ביים הייליגן רבינ'ס ציון - ערב שבת נצבים תשפ"ב



דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף גמרא אין אומאן
ערב שבת נצבים תשפ״ב



אויפ'ן וועג צום ציון - ערב שבת נצבים תשפ״ב



אנשי שלומינו הערן אויס שלש סעודת תורה פונעם ראש ישיבה - שבת נצבים (בילד געכאפט נאך די זמן)



הבדלה מוצאי שבת נצבים תשפ״ב אין אומאן



מלוה מלכה מוצאי שבת נצבים תשפ״ב



אלע סיומים פון אנשי שלומינו ביים מלוה מלכה
מוצאי שבת נצבים תשפ״ב



מען פארקויפט די גליונות היכל הקודש
ערב ראש השנה תשפ״ג



דער ראש ישיבה ביים אינטערשרייבן די שטר פרוזבול
ערב ראש השנה תשפ״ג







## פדיון נפש

ערב ראש השנה תשפ"ג
















די קינדער זאגן תהילים ערב שבת אין מעגעמעטור בנין




די קינדער וואונטשן זיך ביי הרב ר' נחמן שיק שליט"א







גאר פרייליכע ריקודין מוצאי יום טוב נאכן פראוועגען
אזא שיינעם יום טוב אין אומאן ביים הייליגן רבי׳ן




מען גיסט אויס שטיינער פארנט פון היכל הקודש בנין צו
פארגרינגערן פאר אנ״ש נישט צו ווערן מאראסטיג




המפיץ הגדול ר׳ נתן יאקאבאוויטש שליט״א איז מפיץ
ערב ראש השנה אין אומאן




שאטל באס צו טראגן דעם עולם צום ציון




מען גרייט זיך אהיימצוגיין מוצאי יום טוב




שחרית אין ריישא האטעל - מיטוואך ווילך תשפ״ג